STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05656

# GEZAMLTE LIDER, 1904-1924

David Einhorn

*Permanent preservation of this book was made possible
by Samuel & Phyllis Rubinovitz*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# דוד אײנהאָרן
# געזאַמלטע לידער

אַלע רעכט פון איבערזעצן און איבערדרוקן
געהערט דעם מחבר

Copyright by
David Einhorn

געדרוקט ביי לוצע און פאָגט ג. מ. ב. ה. בערלין

# דוד
# איינהארן
# געזאמלטע
# לידער

1904 – 1924

פאַרלאַג יידישע אַרבעטער־בוכהאַנדלונג, בערלין

דער בלאַסער בת־מלכּה, נאָך וועלכער איך בענק
און וועל זי נישט קיינמאָל געפינען,
פאַר דער, וואָס איך פלעג אין די פינסטערע נעכט
די האַרציגסטע מעשה׳לעך שפּינען.

נאָך דער, וואָס איך גאַר אין די ליכטיגע טעג
און זוך זי אין ראָזע פאַרנאַכטן,
דער יונגער פּרינצעסין, וואָס וואוינט ערגעץ וואו,
ערגעץ וואו אין אַ שלאָס אַ פאַרמאַכטן.

# I

# מיין היים

מיין נשמה געהערט,
מיין נשמה געהערט
צו מיין שטעטל, וואָס ליגט
אויף דער ליטווישער ערד.
זייער ווייניג איז דאָרט
פֿאַר אַ גליקליכן אָרט.
פֿאַרדערפֿאַר איז דאָס הויך,
טיף דער הימל אָהן ברעג
און עס ציט זיך דורך אים
גאָטס געשטערנטער וועג.
און ביינאַכט, ווער עס וויל
אין גאָטס פּאַלאַצן זיין,
מאַכט דאָס פֿענסטערל אויף,
קוקט אין הימל אַריין.

נישט דער ווייַנגאָרטן בליט,
נישט דער גאָלדעפּל גליט —
אויף די פעלדער צעשפּרייט,
ווען אַ ווינטעלע ווייהט,
כוואַליעט שטיל זיך פאַרשעמט
אונזער אָרעמער ברויט.
דאָך געבענטשט זאָל ער זיין
מער פון בוימל און וויין,
ווייל ער שיצט אונזער הויז,
און דערקוויקט אונזער זעל
און דערלאָזט נישט די נויט,
וועלכע היט אונזער שוועל.

און פאַרטראַכט איז דער וואַלד,
תמיד טונקל און קאַלט,
אומעט דרעמלט אין שויס
פון זיין בוימערגערויש.
נישט קיין יענערגעזאַנג,
נישט קיין לוסטיג געקלאַנג —
אין אוראַלטן געשפּרעך
פון די סאָסנעס אין הויך
ווערט דער פויגלגעזאַנג
אויך פאַרטרויערט און ווייך.
דאָך מיר נאָנט איז זיין ליד,
וועלכעס פליסט אַזוי מיד

אין מיין אוראַלטער זעל,
אין דער זעל פון אַ איד
איז פאַראַן אַזאַ קוואַל,
וועלכער פליסט, ווי דאָס ליד:
נישט עס רוישט, נישט עס ברויזט,
נאָר עס שטראָמט און עס קוועלט,
ווי די בענקשאַפט נאָך גאָט,
ווי דער צער פון דער וועלט.

מיין נשמה געהערט,
מיין נשמה געהערט
צו מיין שטעטל, וואָס ליגט
אויף דער ליטווישער ערד.
דאָרטן, שטיל אין אַ טאָל
האָט מיין זיידע אַ מאָל
אויף זיין וועג דורך דער וועלט
זיין מנוחה געוויילט,
און דעם טרויער דערהערט,
און דעם באָדן באַטרערט,
און דערנאָך אין זיין טרוים
אין זיין אַלטן פאַרקלערט.
מיין נשמה געהערט,
מיין נשמה געהערט
צו מיין שטעטל, וואָס ליגט
אויף דער ליטווישער ערד.

# די בעריאָזקע

רואיג, רואיג שאָקלט איר געלאָקטעס, גרינעס קעפּל
מיין ווייסינקע בעריאָזקעלע און דאַווגט אָהן אַ שיעור.
יעדעס, יעדעס בלעטעלע אירם שעפּטשעט שטיל אַ תּפילה...
זיי שוין, קליין בעריאָזקעלע, מתפלל אויך פאַר מיר!...

איך בין דאָ אַנ׳עלנדער, געקומען פון דערווייטן,
פרעמד איז מיר דער גאָט פון דאַנ׳ און פרעמד איז מיר זיין שפּראַך,
נישט ער וועט מיין טרויער זען און נישט פאַרשטיין מיין תּפילה,
כאָטש איך וועל מתפלל זיין, מתפלל זיין אַ סך.

פון דעם ווייטן מערב האָט זיך טרויעריג פאַרגנבעט
אין די דינע צווייגעלעך אַ ראָזער, צאַרטער שטראַל
און אַ לייכטן קוש געטאָן די בלעטלעך, די קליינע,
וועלכע האָבן דרעמלענדיג געהאָרכט דעם נאַכטיגאַל.

פון די ברייטע פעלדער איז אַ ווינטעלע געקומען
און דערציילט די בלעטעלאַך ליגענדן אָהן אַ שיעור...
עפּעס האָט אין האַרצן טיף ביי מיר גענומען בענקען:
זיי שוין, קליין בריאָזקעלע, מתפּלל אויך פאַר מיר!...

## עמיץ האָט זיך פאַרבענקט

עמיץ האָט זיך פאַרבענקט...
צו דעם בלאָ־ווייסן רוים,
צו דעם נעץ פון די צערטליכע, ליכטיגע שטראַלן
האָט פלוצלינג אַ שטילע מעלאָדיע דערגרייכט,
ווי אַ טרוים...
און דערנאָך אין דער ווייטקייט פאַרפאַלן...
עמיץ האָט זיך פאַרבענקט...

דאָרטן ווייט, דאָרטן ווייט, וואו עס דרעמלט דער וואַלד
אין אַ נעפל פון מאַטאָווען זילבער
שטיל, אין אַ שאָטן פאַרהילט
פון אַנ׳אוראַלטן בוים,

אויפ׳ן פייכט=ווייכן גראָז, מיט אַ האַרפּע אין האַנט,
מוז זיצן אַ נ׳עלנטער זינגער
און אַ ניגון פאַרטראַכט וועבן שטיל, וועבן שטיל
אויף די סטרונעס מיט צערטליכע פינגער.
עמיץ האָט זיך פאַרבענקט...

# ליטע

עס האָט מיך נעפּאַנגען דער אומעט, וואָס שוועבט אויף די טונקעלע פעלדער
און רוט אויף די איינזאַמע ביימלעך, וואָס שטייען צעוואָרפן אויף זיי;
דער בלאָער, פאַרטרויערטער הימל, וואָס קוקט אַ פאַרוויינטער אַרונטער
דורך ווייסליכע, זיידענע נעפּלען, און פול מיט אַ צערטליכן וויי;

די ראָזע און שטילע פאַרנאַכטן, וואָס שטאַרבן, ווי עלנטע קינדער;
די נעכט, וועלכע באָדן זיך שטיל אין אַ בלאַסן, אַ קרענקליכן שיין;
די מאָרגנס, וואָס וועקן זיך אויף, ווי אַ שמייכל אויף גוססע ליפּן;
די טעג, וואָס דערשיינען פאַרהילט, ווי זיי וואָלטן זיך שעמען צו זיין;

די שמאָלינקע טייכלעך, וואָס בלאָנדזשען פון אונטער ברוגזע ווערבעס;
די לאָנקעס, אויף וועלכע עס שפּראָצן זיך אָרעמע בלימעלעך שטיל;
די קליינע בעריאָזאָווע וועלדלעך אויף ברייטע, אומענדליכע שטרעקעס,
ווי איינציגע ליכטיגע טרוימען אין תהום פון אַ שוואַרצן געפיל.

עס האָט מיך פֿאַרכּשופֿט דאָס לאַנד, וואו די זון קוקט אַרויס דורך אַ נעפּל;
דאָס לאַנד, וואו עס קומען קיין שטורעמס, נור ווינטעלעך קייקלען זיך מיד;
דאָס לאַנד, וועלכעס בענקט אין אַ טרויער און האָפֿט אין זיין שטענדיגן צווייפֿל;
דאָס לאַנד, וואו עס האָט זיך געוועבט מיין פֿאַרבענקטעס, פֿאַרחלומטעס ליד.

## פאַרנאַכט

פון די ברייטע נאַלדנע פעלדער ווייהט אַ ווינטעלע אַ מילדער,
און דאָס קלאָרע טייכל מורמלט, ווי פון שלאָף אַ קינד.
טיף פאַרזונקען אין געדאַנקען, שטייען, דרעמלענדיג, די ביימער
און די טונקלע לאַנקע הילט אַ ראָזער נעפּל איין.

ווייט אין מזרח, וואו עס קען שוין נישט דער לעצטער שטראַל דערגרייכן,
צינדן, צינדן קליינע, בלאַסע שטערנדלעך זיך אָן.
וועמעס וועג באַלייכטן וועלן זיי, די ליכטיגע, די ווייטע ?...
וועמען וועלן זיי פאַרפירן דאָרט מיט זייער ליכט ?...

בלאַסער, בלאַסער ווערט דער רויטער פלעק אין בענקענדיגן מערב,
און אַ שאָטן אַ געהיימער הילט די פעלדער איין.
ווייט אין מזרח הייבט־אָן בלייכן, עמיץ הייבט דאָרט אָן צו האָפן...
האַרט, עס וועט זיך באַלד צעגיסן דער לבנה'ס שיין...

# אין אַ לבנה נאַכט

פֿאַרהילט האָט דאָס וועלדל אַ זילבערנער נעפּל,
באַהאַלטנדיק דאָרטן אַ שטיק פֿון דער נאַכט,
און איבער די פֿעלדער, די בלייכלעכע שטרעקעס,
געשוועבט האָבן ווידענע שאָטנס פֿאַרטראַכט.

אין לופֿט האָט געציטערט אַ צערטלעכע ווייסקייט
פֿון בענקשאַפֿט, און טרויער און שטילן פֿאַרדרוס,
אַזויווי די בלאַסקייט אויף מיידלשע באַקן,
וואָס גאַרן אַ ווייכן, אַ וועקנדן קוש.

פֿאַרוויגנדיק שטיל זיינע זילבערנע וועלן,
איז ערגעץ אַ טייכל געשוואומען פֿאַרבענקט,
און שווימענדיק, נעצן געפֿלאָכטן פֿון שטראַלן,
וואָס האָט אים די קאַלטע לבנה געשענקט.

פֿון ווייטן געזעגנט (געצאַנקט) האָבן פֿייערלעך קליינע —

פון ווייטן געצאַנקט האָבן פֿייערלעך קליינע —
דאָס האָט ערגעץ שטיל וואו אַ דערפֿל גערוט.
אין לופֿטן געווייהט האָבן וואַרעמע ווינטלעך
און ליבליך געסודעט: ווי אַלץ איז דאָ גוט...

*  *
*

עס רוקט זיך אַלץ נענטער און נענטער די נאַכט,
ווי אַ שוואַרצער, אַ ריזיגער אָדלער.
אָ, ליבסטע, מיך שרעקט זי, עס שרעקט מיך איר בליק,
זי קוקט, ווי אַ בלינדער מיט אָפענע אויגן,
און ס׳דוכט זיך די אויגן, זיי זעען, ווי מיר
און אפשר נאָך טיפער און בעסער ...
עס שרעקט מיך דאָס וועלדל, וואָס שיינט, ווי אַ פלעק
אויפ׳ן טונקלען, בלאָליכן הימל...
וואָס טוט זיך איצט דאָרטן
און וואָס פאַר אַ סוד
וועבט זיך צווישן די ביימער,
וואָס שטייען אין דעקעס אין שוואַרצע געהילט,
און שווייגן און קוקן פאַרשטיינערט אַראָפ
צו די שוואַרצע פאַרגליווערטע שטריכן ? ...

עס ווייזט זיך אַ שטערן, אַ צווייטער נאָך אים...
און ווינקען...
צו וועמען, מיין ליבסטע?
עס שרעקט מיך, אָ, טאָמער פאַלט איינער פון זיי
צו דער ערד און ווערט פלוצלינג פאַרלאָשן, —
דאַן אויבן אין הימל וועט פעלן אַ שטערן,
און אונטן וועט ווערן נאָך מערער מיט איינעם
אַ קאַלטן, פאַרלאָשענעם קערפער...

עס שרעקט מיך, מיין ליבסטע, די פינסטערע נאַכט,
די גערטין פון ריזיגע שאָטנס...

## פרילינגס טרויער

דאָס איז שוין לאַנג, מיין קינד, געווען, שוין לאַנג...,
ווען ס׳האָט אין בלאָער לופט דער ערשטער קלאַנג
פון שטילן טרויער איינזאַם זיך צעשפּרייט,
און ערגעץ, אויף אַ פרישן קבר דאַן
האָט קליינע, ווייסע בלומעלעך פון פעלד
אַ קליינע, צאַרטע פרויענהאַנט פאַרזייט.

שוין לאַנג, מיין קינד, געוועזן איז דאָס, לאַנג,
ווען ס׳איז דאָס ערשטע האַרץ געוואָרן באַנג,
און אין אַ ווייסער זומערנאַכט אַליין
האָט שטיל צווישן שלאַנקע סאָסנעס ווער
פאַרלוירן אין דעם טוי פון גראָז אַ טרער
און אין די שאָטנס אַ פאַרשטיקט געוויין.

געוועזן איז דאָס לאַנג, מיין קינד, שוין לאַנג...
אַראָפּ צו אונז איז אַ פאַרבענקטער גייסט,
וואָס שוועבט אַרום און סודעט תמיד איין
אונז שטיל אַ סוד פון אַ פאַרגאַנגן גליק,
וואָס ציט אונז, ווי דער בלאָער, ווייטער שיין
פון שטערן, און לאָזט קיינמאָל נישט צו רו,
און וועקט דאָס האַרץ און דריקט פון אויג אַ טרער,
און רופט, און רופט, נישט ווּסנדיג אַ וואו.

## נאַכט־שטימונג

עס ווייִנען די טיף־בלאָע הימלען
מיט לויטערע, גאָלדענע טרערן.
די טרערן — זיי פאַלן אין אומעט
פון טונקעלע פעלדער אַראָפּ.

און איבער די טונקעלע שטרעקעס
שוועבט אייִנזאַם אַ טרויעריגע שכינה
און קלייַבט זיי, און קלייַבט זיי די גאָלדענע
טרערן צו איר אין איר שויס.

דעריבער פאַרנעמסטו אַ רויש,
ווי פון צאַרטע, פון זייַדענע פליגלען;
דעריבער הערסטו, ווי עס בלאָנדזשעט
פאַרטראַכט עמיץ־ווער אויפ׳ן פעלד,

און גלייך, ווי עס וועבט זיך אַ גאָלדענער
שנירעלע דורך אין דער לופטן,
באַלד גליטשט זיך אַ זיידענעס ווינטל
איבער דעם שלאָפיגן גראָז.

## ווייסע נעכט

שלאָף איינעט, מיין ליבסטע, און וואַרט...
באַלד וועלן זיי קומען, די ליכטיגע אָוונטס,
פאַרהילטע אין זיידענע טוליען,
צו שוועבן אַריבער די פעלדער,
אַזוי ווי פאַרכשופטע יונגע בת מלכות,
וואָס האָבן פאַרלאָזט אין ביינאַכטיגע קליידער
די אַלטע צעוואָרפענע שלעסער.
אַ וואַרעמער ווינטעלע וועט זיי באַגלייטן,
אַ חלום אַ רואיגער וועט זיך צעשפרייטן
און איינוויגן אַלץ אויף דער וועלט.
בייג אָן שטיל דיין קאָפּ אויף מיין אַקסל און דרעמל
און זאָל דיך דאָס וואַרעמע ווינטעלע קושן,
ווי ס'קושט אַ פאַרשלאָפענע בלום.

שלאָף איין, שלאָף איין, פֿאַרזינק אין חלומות...
פֿלעכט איין דיין נשמה אין זייערע נעצן
און וואַרט...
באַלד וועלן זיי קומען, די ליכטיגע אָוונטס
צו שוועבן פֿאַרחלומט אַרום...

## אין וואלד

עס וועט אונז פֿאַרווינגן דער רויש
פֿון די אַלטע פֿאַרדרעמלטע סאָסנעס,
אַ שלאַנקע בעריאָזקע דערציילן
וועט אונז די לעגענדע פֿון וואַלד,
און שטיל אויף אַ הירש אויף אַ ווייסן,
צווישן די ערנסטע שטאַמען,
מיט אויגן לבנהדיק גרויסע,
וועט קומען איר צויבערגעשטאַלט.

און וויט, דאָרטן, וויט פֿון דער טיפֿקייט,
וואו ס׳שטייען געפֿלאָכטן די ביימער,
וועט ברענגען דער עכאָ צוטראָגן,
געהיים אויף די פֿליגל פֿון ווינט,
אַ ווייטן, פֿאַרצווייפֿלטן קלאַפּן,

גלייך ווי אין אַ טיר אַ פֿאַרמאַכטער,
אַ ליד פֿון אַנ׳איינזאַמען נזיר,
אַ רוף, ערגעץ־וואו, אַ פֿאַרשמאַכטער,
אַ ברום פֿון אַ דורשטיגער חיה,
אַ שטים פֿון אַ בלאָנדזשענדעס קינד.

און ביידע, און ביידע צוזאַמען
דאָרט וועלן מיר זיצן און טרוימען
פֿון איינזאַמע הייזלעך, וואָס ס׳שטייען
פֿאַרבאָרגן אין טיפֿקייט פֿון וואַלד;
פֿון יונגע פֿאַרכּשופֿטע פּרינצן,
פֿאַרוואַנדלט אין זינגנדע בוימען,
פֿון פֿייערלעך קליינע, וואָס שוועבן
ביינאַכט אויפֿ׳ן מאָך אויפֿ׳ן גראָען,
פֿון דרייסטע פֿאַרחלומטע ריטער,
וואָס בלאָנדזשען אין נעפּל אין בלאָען.
די שלאַנקע בעריאָזקע פֿאַרטרויען
וועט אונז זייער וואונדערלעגענדע,
און שטיל אויף אַ הירש אויף אַ ווייסן
וועט קומען איר צויבערגעשטאַלט.

# די סאַזשעלקע

אין שויס פון פאַרטרויערטע פעלדער, וואָס ציען זיך ווייט אָהן אַנ׳ענדע,
באַהאַלט זיך אַ סאַזשעלקע איינזאַם, באַוועבט מיט אַ שטילער לעגענדע;
עס ציטערט קיין איינציגער קנייטשל ביי איר אויפ׳ן שפּיגל דעם בלאָען,
און ס׳היט איר אַנ׳איינזאַמע ווערבע, פאַרהילט אין אַ נעפּל אַ גראָען.

עס היט זי די ווערבע און וויינט דורך די בלעטער באַהאַלטן, מיט טרערן,
וואָס קאַפּען אַראָפּ אין צעשפּרייטן אַ זילבערנעם קרייז אויפ׳ן וואַסער,
און ווען עס קומט אָן שטיל די נאַכט און צעשפּרייט אירע פינסטערע שאָטנס,
דאַן גייט אויף אין טונקעלן הימל און היט איר אַ שטערן אַ בלאַסער.

און צייטן פאַרגייען און קומען, עס בייטן די פעלדער דעם צודעק —
דאָ רוט זי, אַזוי ווי אַ שטיקל קרישטאָל אויף אַ סאַמעט אַ גרינעם,
דאָ שלאָפט זי, אַזוי ווי אַ שפּיגל פאַרלוירן צווישן דעם קאָרן,
דאָ קוקט זי אַרויס פון בריליאַנטן באַדעקט מיט אַ זילבער אַ דינעם.

און צייטן פֿאַרגייען און קומען, נור אייביג בֿלייבט רואיג איר שפּיגל,
עס שטערט נישט קיין איינציגער עכאָ דעם טיפֿן, פֿאַרחלומטן שוויגן,
נור אָפּטמאָל נעמט דורך, ווי אַ ציטער, די הויכע פֿאַרקלערטע אַאירן,
און ס'הייבט אויף דער ווערבע געהיים זיך צו רירן די איינזאַמע צווייגן.

# פרילינג

איך ווייס נישט, אוי, וואוהין עס ציט מיך מיין נשמה,
וואוהין עס רופֿן מיך די בלאַסע פֿרילינגסנעכט,
בשעת איך טרעט ביי זיי אויף די פֿאַרטראַכטע לאָנקעס,
און זוך ביים ווייטן ברעג
פֿון האָריזאָנט מיין וועג.
איך ווייס נישט, נור מיר דוכט: מיר האָט זיך ווען געחלומט
אַ ווילדער גאָרטן, טיף אין אים אַן׳אַלטער שלאָס,
אַ בלאַסע פֿרילינגסנאַכט גערוט האָט אויף די ביימער
און מילד צעוויקלט שטיל די בלעטלעך, וואָס אויף זיי,
און דורך דעם העכסטן דעמב האָט שטאָלץ געקוקט אַ טורעם
אין ווייטן, בלאָען רוים מיט פֿענסטער העלע צוויי.
און פּלוצלינג האָט פֿון זיי זיך איינער דאָרט פֿאַרלאָשן
און אויפֿגעמאַכט האָט אים אַ צאַרטע פֿרויענהאַנט,
און איך האָב צוויי דערזען פֿאַרטרוימטע, בלאָע אויגן,

אַ לענגליך־ווײַס געזיכט פֿון מירמלשטיין געטאָקט,
און ווי אַ כּשוף האָט זיך ווײַך פֿון דאָרט געצויגן
אַ שטילע מעלאָדיע און עפּעס מיר געזאָגט.

איך ווײַס נישט, נור עס ציט, עס ציט מיך מײַן נשמה...
פֿאַרכּשופֿט בין איך אין די בלאַסע פֿרילינגסנעכט...

## האַרבסט־שטימונג

וווי שטיל עס צעלייגן זיך טרויריגע שאָטנס.
אַ ווינטעלע ציטערט צווישן די צווייגן.
פאַרמאַך דיינע אויגן, מיין ליבסטע, און לאָ'מיר
אַ מעשה'לע שפינען אין האַרבסטיגן שווייגן.

דו זיי די בת מלכה, און איך דער בן־מלך.
אַ צערטליכער טרוים וועט אונז ביידן פאַרוועבן, —
אין ערגעץ אַ פאַלאַץ, וואָס טונקט זיך אין וועלדער,
פאַרחלומטע וועלן מיר איינזאַם דאָרט לעבן.

דו הערסט, ווי עס רוישן די ביימער אין דרויסן,
אַ וואָלקן פאַרציט זיך אַריבער די שטערן,
אַ בייזער מכשף וועט פלוצלינג ערשיינען
און וועט אונזער מאַרמאָרנעם פאַלאַץ צעשטערן.

דער יונגער בן־מלך וועט ערגעץ פֿאַרבלאָנדזשען
און האַלזן פֿון אומעט אַ פֿעלזן אַ האַרטן;
אין צעלט פֿון אַ פֿאַסטוך וועט זיין די בת־מלכּה
און עלנט פֿאַרלאָזן איר ליבסטן ערוואַרטן.

נאָר בלייבן אין מדבּר וועט ער. אויף זיין קבר
וועט שטיין זיך אַנ׳איינזאַמער דאָרן געבויגן.
און שטיל אין אַ פֿינסטערער נאַכט דער בת־מלכּה
וועט צומאַכן רויִק אַ פֿאַסטוך די אויגן.

נישט שרעק זיך, מיין ליבסטע, פֿאַרגעס אָן דער ענדע
פֿאַרזינק אין חלומות דיין האַרבסטיגן שווער
עס גיט אַזוי זעלטן אַ שיינע לעגענדע,
וואָס ס׳זאָל נישט פֿאַרהילט זיין אין אייביגן טרויער.

## דער ערשטער שניי

ווייסינקע שנייעלעך וויגן זיך, וויגן זיך,
טאַנצנדיג שטיפעריש לוסטיג און פריי.
עפּעס איז יום־טובדיג ניי.
אויף די מויערן
האָט זיך אַ שמייכל צוליִיגט
און פאַרצויגן די גראָע, פאַרשטיינערטע טרויערן
מיט אַ באַוועגליכן ווייסן וואָל.
טיף אין די גאַסן באַוועגן זיך
כוואַליעס פון מענטשן
אין זילבערנעם גלאַנץ.
די יוגנט שפּאַצירט.
און ס׳קושן און פאַלן די קלינקע שנייעלעך
אויף וואַרעמע, ראָזיגע, מיידלשע פּנימלעך;
פאַרשעמטע, מיט שטיפעריש־קינדישע שמייכעלעך

פֿאַלן און קושן זיי שטיל אין די ליפּעלעך,
פֿלעכטן אויף זייערע זיידענע לאָקן
פֿון בלומען אַ קראַנץ.
פֿאַלן און קושן,
פֿאַלן און קושן
און ווערן צעגאַנגען אין קוש.

עס וויגן זיך, וויגן זיך ווייסינקע שנייעלעך,
טאַנצן, און פֿאַלן און פֿאַלן...

# II

## פון אידישן געסל

דאָס ענגע געסל האָט פאַרהילט אַ זיידן שאָטן,
אַ וואַרעם ווינטל האָט די הייזעלעך פאַרוויגט.
ווי קליינע קינדערלעך, דערשראָקענע צוזאַמען,
אַ דעכל ביי אַ דעכל שטייען זיי געדריקט.

אַ מילדער, גערלבער שיין צעגיסט זיך פון די פענסטער
און וועבט זיך היימליך איין אין פאָרהאַנג פון דער נאַכט.
פון אַלטן קלויסטער קומען איינזאַם ווייטע קלאַנגען,
וואָס שוועבן אויף דאָס ענגע געסעלע פאַרטראַכט.

ווי שטיל עס איז אַרום... עס ציטערן די שטערן.
די שכינה אָטעמט אָפּ אין טיפן בלאָען רוים.
אַ שמייכל שוועבט אויף איר פאַרטרויערט בלאַסן פּנים
און אויף דעם געסל רוט אַ בענקענדיגער טרוים.

## יוגנט

אַ שטילער קלאַפּ אין טיר... אַ צערטליכער געלעכטער...
אַ שעמעוודיגער קוש... אַ לייכטער דריק אין האַנט...
אַ פּענסטערל אַ קליינס... אַ ביימעלע אַ יונגס...
אַ ווייכע באַנק פון גראָז, וואָס טוליעט זיך צום וואַנט...

אַ טונקל־בלאָ געוועלב מיט גינגאָלדענע שטערן...
אין שטילקייט פון דער נאַכט דאָס זשומען פון אַ גריל...
אַ ווייטער רויש, וואָס קומט צושווימען פון דעם טייכל...
אַ ווינטעלע אַ שטילס, וואָס גליטשט זיך אויפ׳ן גראָז...

דער ברעג פון האָריזאָנט, וואָס הייבט שוין אָן צו בלייכן...
אַ ווייסער טיול, וואָס הילט דאָס ענגע געסל איין...
אַ לעצטער לאַנגער קוש... אַ שטילער קלאַפּ אין לאָדן...
און נאָכדעם ווייטע טריט, וואָס קלינגען אָפּ געהיים.

## תשעה־באָב

עס האָט נישט דער הימל געקאָנט דעם טרויער פאַרטראָגן,
און שטיל זיך אין שטראָמען פון ליכטיגע טרערן צעגאָסן.
אָהן דונערן, צנועהדיג, האָבן די טראָפּנס געגידערט פאַרלאָזן,
אַזוי ווי זיי וואָלטן אַ שטילעס געבעט פאַר אונז זאָגן.

דערנאָך האָט אַ שטראַל אַ פאַרשעמטער די דעכלעך די נאַסע
און יעטווידעס שטיינדל און וואַסער אין געסל מיט גינגאָלד באַפליטערט.
אין לופט האָט קיין איינציגער קלאַנג און קיין איינציגעס ווינטל געציטער׳ט,
פאַרגליווערט, אַזוי ווי דער טרויער אויף פנימער בלאַסע.

און ס׳האָט זיך געדוכט, אַז אין ליכטיגן לופטן וועט פלוצלינג:
אַ זאַמדיגער מדבר מיט עטליכע פאַלמען זיך ווייזן,
אַ חורבה אַנ׳אַלטע, פאַרוואָקסן מיט ווילדע, מיט טרוקענע גראָזן,
און אָנגעלענט דאָרט, אין אַ ווינקל, אַ יונגפרוי, פאַרוויקלט אין ווייסן.

# לעגענדע

דערשראָקענע, שטילע, פאַרטוליעט אין שאָטנס,
פאַרטיפטע אין זיך, אין דער אייגענער שוואַרצקייט,
צעציען זיך רייען פון פינסטערע הייזער
און בילדן אַ גאַס נאָך אַ גאַס.
און טיף אין די גאַסן אויף פייכט־קאַלטע שטיינער
מיט באָרוועסע פיס און צעריסענע קליידער,
גייט אומ׳עט אַ הויכער, אַ בלאַסער, אַ דאַרער,
מיט אָפענע, בלינדע, פאַרצויגענע אויגן
און זוכט עפעס שטיל מיט צעצויגענע פינגער,
און זוכט אַהין אַנ׳אויפהער און זוכט...
און ווייט, ביי דעם ברעג פון די הונדערטער גאַסן,
שטייט איינזאַם אַ קליינע, פאַרלאָזענע חורבה.
די טיר מיט די פענסטער פאַרשלאָגן מיט ברעטער,

פון וועלכע עס קוקט דורך די שפּאַלטן אַרויס
צו די גאַסן אַ געהיימניס אַ שטומע:
בייטאָג מיט אַ פינסטערן בליק פון אַ טויטן,
ביינאַכט מיט אַ בייזן, אַ רויטליכן אָפּשיין,
אַזוי ווי דער שיין פון אַ שׂרפה אַ ווייטע,
וואָס ציטערט ביים ברעג האָריזאָנט.

און ווען אויפ׳ן טורעם, וואָס טונקט זיך אין הימל
שלאָגט צוועלף, און דער שיין פון די שטערן ווערט העלער,
גייט צו דאַן דער הויכער, דער בלינדער צום חורבה,
מיט ליפּן געפּרעסטע פון צער,
און קלאַפּט אין די קליינע, פאַרשלאָגענע פענסטער,
און רופט דאָרטן עמיץ, און בעט דאָרטן וועמען,
און זוכט אין זיין אייגענעם עכאָ אַן ענטפער.
נור ס׳ענטפערט אים קיינער פון דאָרטן...
אַ שטומע, ווי פריער, בלייבט אייִנזאַם די חורבה,
פאַרשלאָגן, פאַרוויקלט אין נאַכטיגע שאָטנס,
באַהאַלטנדיג טיף דאָס געהיימניס, וואָס קוקט
דורך די פינסטערע שפּאַלטן אַרויס...

און ווי עס ווערט ליכטיג, דאַן ווערט פון דעם הויכן
אַ קליינעס, אַ שוואַכעס, אַ זעעוודיג מענטשל,
וואָס וואַנדערט אַרום מיט אַ פּעקעלע סחורה
און האַנדלט און קויפט און פאַרקויפט.
נור ווי עס ווערט פינסטער און פוסט אין די גאַסן,

דאַן וואַקסט ער אויס ווידער אַ הויכער, אַ בלאַסער,
מיט אָפענע, בלינדע, פאַרצווינגענע אויגן,
און זוכט עפּעס שטיל מיט צעצווינגענע פינגער,
און זוכט אָהן אַנ׳אויפהער און זוכט...

# אמר אביי

אינדרויסן איז פֿרילינג, אינדרויסן איז וואַרעם.
עס ציִען זיך שטראַלן, ווי גאָלדענע פֿעדים,
ווי גליקלעכע רגעס אין אייביקן אומעט,
און נעמען, ווי אָרעמס פֿאַרליבטע, אַרומעט,
און גלעטן די באַקן, און קושן די אויגן,
און ווערן אין ליכטיקע נעצן צעצויגן.

אינדרויסן איז פֿרילינג, עס שמייכלט די זון
דורך די בלאָטיקע שייבלעך פֿון אַלטן בית־מדרש:
אַ פֿאַליע פֿון גאָלד האָט פֿאַרשעמט דעם נר־תּמיד,
ער קוקט איצט אַרויס פֿון די שטראַלן די יונגע
אין כּעס מיט זיין אייביקן רויִקן פֿלעמל,
אַזוי ווי אַן׳אַלטער אַ שוואַכער קנאי,
אויף פֿריילעכע יונגע צעלאָזענע קינדער.

אַפילו דער יאָרצייט, וואָס ברענט אויפ׳ן עמוד,
האָט ערגעץ באַהאַלטן זיין שיין נאָך אַ טויטן,
אַזוי ווי צווישן אַ מחנה צדיקים
אַ שטילער, פאַרשעמטער, פאַרטריבענער זינדער.
ווי גוט עס איז איצט אויפ׳ן לאָנקע, ווי וואַרעם...
דאָס וואַסער אין טייכל — ווי קלאָר און ווי זויבער!...
אַרום אויף די פעלדער צעשפּרייט זיך אַ צויבער.
און דאָ, אין בית־מדרש איז אַלץ נאָך פאַרטרויערט,
אַן׳אייביגער צער פון די ווינקעלעך לויערט,
און קוקט מיט פאַרדרוס אויף די שטראַלן די נייע,
אוי, אמר אביי! אוי, אמר אַביי!

נור קומען די נאַכט וועט מיט זילבערנע שטראַלן,
מיט וואַרעמע ווינטלעך, מיט גוטע חלומות,
און איך וועל פאַרמאַכן די אַלטע גמרא,
פאַרלאָזן דעם גרויסן, פאַרקלערטן בית־מדרש
און גיין אויפ׳ן לאָנקע, וואו גרעזעלעך וואַקסן.
דאָרט וועלן שוין וואַרטן אויף מיר פיר באַקאַנטע:
מיין טייערע ליבע, מיין שיינע הדסה,
אַ ווערבע אַ שטילע, אַ טייכל אַ קלאָרעס,
און אויבן אַ גוטע לבנה אַ בלאַסע.
דערווייל איז נאָך טאָג, די גמרא איז אָפן...
האָב כּח אויף וואַרטן, האָב קרעפטן אויף האָפן
און לערן, ביז קומען די שעה וועט די פרייע...
אוי, אמר אביי! אוי, אמר אביי!...

## זכרונות

אַ קליינע שטוב ביים ברעג פון שטאָט,
אַ בוים פון ווילדע באַרן,
וואָס האָט שוין שטיל הכנעהדיג
פאַר זיך גענומען דאָרן.

אַ באַנק פון גראָז און שטרויכן צוויי
פאַרהילט אין ווייסע בליטן;
אַ גרינער טאָל מיט פרישן היי
און מיט אַ טייך אין מיטן.

אָט שפרייט זיך אויס, פון גאָלד געוועבט,
אַ ליכטיגער פרימאָרגן;
דאָס הייזל רוט מיט גרינס באַדעקט
און קוקט אַרויס אָהן זאָרגן.

אָט זע איך דאָרט אַ פּענסטערל —
אַ שטיקל בלאָער הימל,
אין גרינס געפּאַסט און שטיל באַהויכט
מיט שאָטנס פון אַ דרימל.

איך ווייס דאָס אָרט, דאָס גליקליך אָרט,
וואָס איך האָב שוין פאַרלוירן;
דאָס איז די היים, די שטילע היים
פון מיינע יונגע יאָרן.

דאָס איז דאָס לאַנד, דאָס טרוימען־לאַנד,
וואו איך פלעג אין מיין יוגנט
ביי יעדן שטראַל אַ ברודער זיין,
ביי יעדער בלום אַ קרוב;

דערגרייכט דעם הימל מיט׳ן האַנט,
געשמועסט מיט די שטערן
און אין די שטילע פרילינגסנעכט
פלעג איך דעם וועלט־גאַנג הערן.

די שפּראַך פון יעדעס גרעזעלע
האָב איך דאַן גוט פאַרשטאַנען;
דעם וועג פון יעדן ווינט געוואוסט, —
וואוהין ער גייט, פון וואַנען.

געהאַט האָט דאַן פֿאַר מיר אַ זין
דאָס אַלץ, וואָס האָט קיין ענדע;
דער סוד פֿון בלום, דער הימעלסרוים
געווען איז איין לעגענדע.

מיר איז באַקאַנט געווען אַלץ,
קיין זאַך נישט פֿרעמד פֿון ווייטן;
דער שעפֿער פֿון דער גאַנצער וועלט
פֿלעגט פֿאַר מיין קליינעם פֿענסטערל
אין זיין מרכבה רייטן.

# אַ רגע רו

ווי אויף פליגל ווינט מיך ווידער
זי די שטילע רגע רו.
מיינע ברעמען פאַלן נידער
און מיין זעלע טראָגט זיך יואו.
לייכטער ווערן מיינע גלידער,
אויפ׳ן שטעג פון שטילער רו...
לייכטער ווערן מיינע גלידער,
אויפ׳ן שטעג פון שטילער רו...

עמיץ זינגט באַקאַנטע לידער
מיט אַ נאָנטן ליבן קול,
און עס סודעט ווער פאַרטרויליך
וואונדער מעשיות פון אַמאָל.
ווי אַ וואַסער זומט עס פריילֿיך

אין אַ ווייסן מאַרמאָר שאָל,
ווי אַ יאָמער קלינגט עס גרוליך
אין אַ טיפֿן וויסטן טאָל.
שאַרפֿער, שאַרפֿער ווערט מײַן אויער
פֿאַר דעם ליב באַקאַנטן קול;
שאַרפֿער, שאַרפֿער ווערט מײַן אויער
פֿאַר דעם ליב באַקאַנטן קול.

און איך קום אין לאַנד פֿון חלום
אין דער שטילער יוגענט לאַנד.
דאָרטן הייננט דער גאָלדנער עפּעל
איבער דער גן עדן וואַנט.
דאָרטן שטראָמט דער קוואַל פֿון לעבן
אויף אַ דימענטענעם זאַנד.
און די ציגעלע, די ווײַסע,
עסט דאָרט מאַנדלען פֿון מײַן האַנט.
העלער ווערן מײַנע אויגן
אין דעם שטילן חלום לאַנד.
העלער ווערן מײַנע אויגן
אין דעם שטילן חלום לאַנד.

# III

# אידיליע

איך וויל, אַז מיין ליבּע זאָל ווערן געשלאָסן
אין ערגעץ אַנ׳ענגן, אַ אידישן געסל,
וואו ס׳שטייען די הייזלעך געדריקט, ווי אַ סטאַדע
פון שעפּסן, ווען ס׳שרעקן זיי וועלפּישע ציינער.
אַנ׳עדות זאָל זיין די לבנה, און קיינער,
חוץ איר, זאָל נישט קענען פאַרנעמען די קושן,
וואָס וועלן זיך טראָגן וואָס העכער און העכער
צום ליכטיגן הימל, צום בלאָליכן אָפּגרונט,
וואוהין עס וועט קוקן מיט בּליקן פאַרבּענקטע
די, וועלכע כ׳וועל שענקען מיין ליבּע.

און ווען איך וועל גיין מיט מיין ליבּסטע שפּאַצירן,
זאָל אונז נישט באַלייטן דעם נאַכטיגאַלס טרעלן,
נור שטיל זאָל זיך טראָגן פון ערגעץ אַ ווייטן,

אַ טונקל־באַלויכטענעם, נידריגן פענסטער
אַ שטילער, פאַרטריערויערטער אידישער ניגון,
וואָס זאָל אין אַ חלום אַ ווייטן פאַרוויגן,
אַ חלום פון זיסע און צערטליכע פּיינען
און טיפע, נאָך נישט קיין באַוואוסטע פאַרלאַנגען,
וואָס שוועבן, ווי עכאָס פון איינזאַמע קלאַנגען,
פון וועלכע עס וועבט זיך מיין ליבע...

און זיין זאָל מיין ליבסטע אַ בלאַסע, פאַרקלערטע,
מיט אויגן פאַרחלומטע, אָפענע, צאַרטע,
און בלאָע, אַזוי ווי אין פרילינג דער הימל,
וואָס קוקט דורך אַ דורכזיכטיג׳ שלייער פון טולן;
די לאָקן — צעוואָרפענע, זיידענע, שוואַרצע,
וואָס זאָל באַצוימען איר פּנים דעם בלאַסען,
וואָס רעדט נישט פון טויט און פון בלומען, וואָס וועלקן,
נור עפּעס פון שטילע, באַהאַלטענע קרעפטן,
וואָס רייסן באַהאַלטענערהייט זיך צום לעבן,
אין פערל פון ריינע, קרישטאָלענע טרערן,
וואָס פאַלן, און פאַלן פון ליבע.

און זיין, וויל איך, זאָל זי אַ טאָכטער פון יענע
געבויגענע, פינסטערע, אָרעמע הייזלעך,
וואו ס׳לעבט און עס ליידט די זעל פון מיין אומה,
וואו ס׳רעדן פון שמערצן נור בליקן נור שטומע.
און האָבן זאָל זי אויך אַנ׳אַלטינקע מאַמע

מיט אויגן, וואָס וויינען און קושן צוזאַמען,
מיט בייניגע הענט, וועלכע האַלטן אין גלעטן,
מיט טרוקענע ליפּן, וואָס שעפּטשען נור ברכות.
און ליב זאָל זי האָבן איר אָרעמער מאַמען, —
דער, וועלכע וועט בענטשן מיין ליבע.

און שטיל, אין אַ קליינינקן קאַמער, אין ערגעץ
אַ קליינעם, געבויגענעם, פינסטערן הייזל
זאָל אונז דערנאָך בענטשן אַ גרייזגראָער זיידע,
וואָס וועט אונז דעם חלום פון פאָלק איבערגעבן,
צו טראָגן אים ווייטער מיט גלויבן אין לעבן.
און מוטיג, געאָרעמט זאָל איך מיט מיין ליבסטער
אַוועקגיין צום ליידענדן פאָלק און אים שענקן
די אייביגע, הייליגע ליבע...

## חלומות

אָ, זיי, מיין געליבטע, אַ צאַרטע לעגענדע,
פאַרכּשוף מיין האַרץ מיט אַ טרוימענדן בליק,
זיי ווייט און געהיים און פאַרחלומט, אַזוי ווי
אין פריליננסנעכט ווייסע די ברעגעס פון הימל,
וואָס ציען, זיך גלייך ווי זיי וואָלטן באַהאַלטן
אין בלאָליכן שלייער אַ גאָלדענעם גליק.

פאַרהיל מיך אין נעפּל פון בליענדע לאָנקעס,
באַהאַלט זיך אין שאָטן פון רוישיגן וואַלד,
און ווינק מיר פון הימל מיט פינקלענדע שטערן,
און בלאָנדזשע באַהאַלטן צווישן די זאַנגען,
און זינג מיט די קוואַלן מיר שטילע געזאַנגען,
און סודע מיר צאַרט דורך די שלאָפיגע גראָזן,
און זאָל זיך, מיט בלאָליכע שטראַלן באַגאָסן,
פון ווייטן מיר ווייזן דיין שלאַנקע געשטאַלט.

## פאָרגעפיל

עס איז אונזער ליבע, מיין ליבסטע,
געקומען ביינאַכט מיר צו חלום,
געקליידעט אין שוואַרצן, אַ שטאָלצע
און בלאַס איז געווען איר פּנים.

אַ קראַנץ פון פאַרטריקנטע בלעטער
באַדעקט האָט איר קלאָר=ווייסן שטערן,
און ס׳האָבן באַצירט אירע ברעמען
צוויי ריינע קרישטאָלענע טרערן.

מיט ליפּן, פון ווייטאָג געדריקטע,
האָט זי איבער מיך זיך געבויגן,
און איבער איר קאָפּ איז דער טרויער,
ווי אַ קראָע אַ שוואַרצע געפלויגן.

## דערוואַרטונג

געפאַלן איז אויף מיר
אַ שאָטן פון דיין קלייד,
אַ לייכטער זיידנשאָרך
האָט אויפגעדריקט מיין האַרץ.
איך שטיי אַליין און האָרך,
מיין זעל גייט אויס פון פרייד,
און עמיץ סודעט מיר:
זי גייט, זי גייט, זי גייט!...

אָט הער איך דיינע טריט,
אָט דוכט מיר, דיינס אַ האַנט
באַרירט מיין ברעם, און גלעט,
און מאַכט דאָס אויג מיר צו;
איך הער דיין צאַרטע שטים,
זי זינגט, זי קושט, זי רעדט
און טיף, און טיף אין מיר
וואַקסט אויס אַ שטיל געבעט...

## פאַרשוועכטע ליבע

אין שוואַרצן נאַכט האָב איך דיין האַרץ פאַרנומען,—
זיין קלאַפּן איז געווען אַזוי באַקאַנט —
און פּלוצלינג איז די פינסטערניש צעשוואומען...
מיך האָט באַרירט דיין ווייס געשניצטע האַנט.
דו ביסט געקומען.

פון וואָלקן האָט אַ בלאָער שיין גערונען;
די בוימער האָבן וואונדערליך געבלייכט;
דער לאַנדשאַפט האָט אַ דעמערונג פאַרשפּונען.
עס האָט דיין בליק מיין איינזאַמקייט געווייכט
און איך האָב זיך געפונען.

פון וואָלקן־שפּאַלט געוואונקן האָט אַ שטערן,
איך האָב געקושט זיין סודותדיגע ליכט,

וואָס האָט געשײַנט געפֿינקלט אין די טרערן
פֿון דײַן פֿאַרליבט געזיכט.
און ס'האָט מײַן האַרץ אין אָנגעשטרענגטן הערן
זיך אויף דער זון געריכט.

גלײַכגילטיג אָבער איז דער טאָג געקומען.
דײַן קאָפּ איז מיד געלעגן אויף מײַן ברוסט.
איך האָב דעם ווײַטן רויש פֿון שטאָט פֿאַרנומען
און וואָכעדיג געוואָרן איז מײַן לוסט.
אַ פֿרוי בײַם ברעג פֿאַרקויפֿט האָט בינטלעך בלומען
זי האָט מײַן סוד געוואוסט.

# דו ביסט אַוועק

דו ביסט אַוועק אַליין בין איך געבליבן,
נור נישט די ערשטע ביסטו אין מיין וועג,
נישט איינע וועט פאַרבייגיין מיך און ליבן,
און זוכן וואו אַ רואיגערן ברעג.

אַ לייכטטורם בין איך, וואָס שטייט פאַרוואָרפן
אויף אַ וויסטן אינזל ערגעץ־וואו, —
עס קאָן מיין ליכט אין נאַכט קיין וועג נישט ווייזן
עס קאָן מיין ליכט דערציילן נור פון רו.

דו ביסט אַוועק, אַליין בין איך געבליבן.
נישט איינע וועט נאָך אָפשטעלן מיין ליכט,
נישט איינע וועט נאָך קומען און פאַרלאָזן,
נישט איינער וועט באַלייטן מיין געדיכט.

# איך ווייס...

איך ווייס, אַז דו וועסט שוין צו מיר מער נישט קומען,
און אפשר ביסטו ביי מיר קיינמאָל געווען,
דאָס האָט נור דער פרילינג באַשאָטן מיט בלומען
מיין גאָרטן,
און איך האָב דיין בילד דאָרט געזען.

דער קאַרשנבוים האָט זיך פאַרוויקלט אין ווייסן,
דעם בעזבוים באַדעקט האָט אַ דופטיגער שניי,
און איך בין געגאַנגען די שנייבלומען רייסן
פאַרנאַכט —
און געפונען דיין שאָטן אין זיי.

אַ קוועלכל אַ קליינס האָט געפליסט אין מיין גאָרטן,
אַ ווערבע געהיט האָט זיין קלאָרן קרישטאָל,
ביים שיין פון לבנה אַוועק בין איך דאָרטן

בײם ברעג —
און דערהערט, װי אין חלום, דײן קול.

איך װײס, אַז דו װעסט שױן צו מיר מער נישט קומען,
און אפשר ביסטו בײ מיר קײנמאָל געװען,
דאָס האָט נור דער פרילינג באַשאָטן מיט בלומען
מײן גאָרטן
און איך האָב דײן בילד דאָרט געזען.

# לעצטע גרוסן

ווי ווייט דו זאָלסט נישט זיין, וועל איך דיר שיקן גריסן.
דו ביסט די לעצטע, וואָס דערמאָנט מיך אָן אַ היים.
און אויסער דיר — וויל קיינער מיך נישט וויסן,
און אויסער דיר — דערמאָנט מען מיך דאָ קוים.

און זאָל איך וועלן דאָ אָהן דיר אַ ווינקל האָבן,
און זאָל מיין קאָפּ, חוץ דיר, דאָ אויפזוכן אַ שוים, —
ווייס איך נישט, וואו מיין זיידע ליגט באַגראָבן,
ווייס איך נישט, וואו עס איז מיין טאַטנס הויז.

מיין וועג צוריק צום וויג איז פול מיט טיפע גריבער,
און אָפּגעברענט איז שוין דעם זיידנס שול פון לאַנג.
און אויב איך בענק נאָך וואָס — איז עס צו דיר אַריבער.
און אויב איך זינג נאָך ווען — צו דיר איז מיין געזאַנג.

## אין וועג

צי ווייס זי דען, וואו איך דערמאָן זי,
צי זעט זי אין איר חלום איצט:
אַ שלאָפינגן וואָקזאַל אַ גרויסן,
אַ פוסטן פּאַלאַץ אין דער וועלט,
און מיך לעם אים אַליין אינדרויסן,
איר נאָמען שטאַמלענדיג פון קעלט
גלייך ווי אַנ׳אָפּגעריסן בלעטל,
וואָס טראָגט זיך זוכנדיג זיין בוים,
גלייך ווי אַ וואַנדערער, וואָס שטאַמלט
אין וועג דעם נאָמען פון זיין היים.
אָ, מאָרגענרויט פון וויטן מזרח,
דו דרינגסט דאָך אומעטום אַריין,
געפין דאָס פענסטער פון מיין ליבסטע
און ברענג מיין גרוס איר מיט דיין שיין.

און אויב זי שלאָפט — אַ ווייסער פאָרהאַנג
פאַרשטעלט איר פענסטערל געוויס —
דאַן ציטער אויף אין זיינע פאַלבן
און זאָל דער ציטער זיין מיין גרוס.
און אפשר איז זי וואַך? — איר באָבע
פלעגט אויכ׳עט אויפשטיין מיט דיין ליכט
און פון אַנ׳אַלטן קרבן־מנחה
צו גאָט אַ תפילה אָפּגעריכט.
און אפשר איז זי איצט מתפלל
צום טיפן טרויער, וואָס אין מיר.
דאַן גליטש זיך דורך אירע לאָקן
און שטער די תפילה נישט אין איר.

# אַ חלום

אַ פרעמדע שטאָט, אַ נעץ פון גאַסן,
איך גיי און גיי און זוך אַ טיר,
וואָס זאָל מיין שטילן קלאַפּ דערקענען
און זאָל זיך עפענען פאַר מיר.

איך גיי פון שטוב צו שטוב אָהן ענדע,
ביי יעדער בלייבט די טיר פאַרמאַכט;
אָט קלאַפּ איך, דוכט זיך, אין דער לעצטער
און בעט אַנ׳אָפּרו אויף דער נאַכט.

איך שטיי און קלאַפּ, עס פאַלן שאָטנס,
עס ציען וואָלקנס זיך אין הויך,
אָ, גאָט, די לעצטע טיר זי רירט זיך...
עס פרעגט אַ פרויענשטים מיר ווייך.

די טיר זי עפנט זיך אינגאַנצן,
עס הילט מיך איין אַ צאַרטעס ליכט,
עס שטייט אַנטקעגן מיין געליבטע,
אַ שמייכל שוועבט אויף איר געזיכט.

און האַנט האַלט זי אַ ליכט, די צווייטע —
זי נעמט אַרום מיין מידן קאָפּ.
איך פאַל און קוש דעם שוועל דעם לעצטן
פון לעצטן ווינקל, וואָס איך האָב.

## וואַנדערער־טרוימען

גענרייט מיט׳ן וואַנדערערשטעקן דאָ שטיי איך
פאַרלאָזן. עס פרעגט מיך נישט קיינער, וואו גיי איך.
און גלייך, ווי אַ פויגל, וואָס ציט זיך צום דרום,
צעשפרייט איך צו דיר אין מיין בענקשאַפט דעם אָרעם
און רוף דיך באַהאַלטן ביי מיר אין מיין זינען;
צי וועל איך געפינען ?

איך האָב דיינע טריט אויפ׳ן גראָז אויפ׳ן ווייכן
ביי מיר אין מיין גאָרטן גענומען אַלס צייכן,
וואָס ווייטער, וואָס ווייטער האָב איך זיי פאַרלאָרן :
דאָ שלענגלט אַ טייכל, דאָ כוואַליעט זיך קאָרן
איך שטיי ביז עס הייבן מיר טרערן אָן רינען.
צי וועל איך געפינען ?

ווער ווייס, וואו מיין אומענדליך וועג וועט מיך פירן,
און בלאָנדזשענדיג, קאָן איך דיין בילד נאָך פאַרלירן,
און קומענדיג ווען צו דיין שוועל שוין אַ מידער,
אַ קראַנקער, צו זוכן אַ רו פאַר די גלידער,
וועל איך פאַר אַ ווינקל, פאַר עסן דיר דינען,
נישט ווייסנדיג ווער, און בלייבן און פרעגן:
צי וועל איך געפינען?

## האַרבסט־זכרונות

„איז דאָס דער לעצטער קוש אין דיינע ווייכע אָרעמס ?
עס טוליעט אַזוי ליב דיין לייכטער פעניואַר.
עס ווייסט זיך נאָך געהיים דיין ברוסט פון זיינע שפּיצן
און דריקט מיך אויף דאָס האַרץ מיט שטילן מילדן צער.“

„די אויגן שטראַלן מיד, גלייך ווי די זון אין פענסטער,
דורך טויזנט פאַלבן קוקט דיין שלאַנקער גוף אַרויס,
און ווי אַ ווייסע טויב, דערשראָקן ליגט פאַרגליווערט
דיין שמאָל געשניצטע האַנט אין סאַמעט פון דיין שויס.“

אָ לאָז מיר אָטעמען דעם דופט פון דיינע אַקסלען!
זיי שמעקן גלייך ווי צייטיגע רויזן אַזוי שטאַרק.
זיי בלייכן שטיל אַרויס אין שאָטן פון די לאָקן,
גלייך ווי אַ מאַרמאָר ביוסט אין שטילן אלול פּאַרק.

„אָ לאָז מיר נידערן צו דיינע פיס די שלאַנקע!
ווי יונגע הירשינס צוויי פון ווילדן יעגער מיד
פאַרמאַטערט קוקן זיי אַרויס פון דיינע קליידער
און ציען זיך נאָך רו מיט יעדן שיינעם גליד"...—

דאָס איז שוין לאַנג געווען. ווען האָב איך עס געפליסטערט?
ווען האָב איך זי געקושט? ווען האָב איך זי געגלעט?
פאַרלאָזן שטייט דאָס הויז, דאָרט וואוינען איצטער פרעמדע
און פרעמדע שוועכן איצט די שאָטן פון מיין בעט.

דער הויכער טאָפּאָל שיט מיט טויטע געלע בלעטער,
די פענסטער פייערן אין זונען אונטערגאַנג
אָט שטיי איך פאַר'ן שוועל און בעט ביי אַלע געטער
און ס'איז מיר אַזוי גוט, אַזוי אומענדליך באַנג!...

## האַרבסט

ווי אומעטיג קאַלט
עס האָט די לבנה דעם נעפּל דורכשטראַלט!
עס האַלט מיך די האַרבסטיגע נאַכט אין די אָרימס
און זויגט פון מיין קערפּער די וואַרימקייט אויס.
ווי וואַרים און היימליך געוועזן איז דיין שוים,
געוועזן און פאַרשוואונדן...
פייערלעך האָבן אין טאָל זיך צעצונדן.
עס שוואַרצן זיך נאַקעט די צווייגן פון בוים.
דורך זיי קוקט די שטאָט, ווי אַ בלאָליכער טרוים:
די טורמס — זיי הויבן זיך לופטיג צום הימל,
די מויערן טונקלען, ווי פינסטערע ווענט,
פאַרהילט אין אַ נאַסן אַ גרויליכן שימל.

עס קומען צו מיר ווי געמאָסטענע קלאַנגען —

דאָס שלאָגן די זייגערס דאָרט אונטן אין שטאָט:
„געווען און פאַרגאַנגען,
געווען און פאַרגאַנגען".
זיי ציילן מיט יאוש, זיי ציילן מיט שפּאָט.

וואָס רוישט אַזוי הילפלאָז אַרום אויפן באָדן? —
דאָס זיינען די טרוקענע בלעטער פון האַרבסט.
עס האָבן זיי גאָלדענע רעגנס געבאָדן —
איצט פרעסט זיי אַ קאַלטער טויט־שטראַלענדיג נעפל.
אויך דו האָסט געשמעקט ווי אַ צייטיגער עפּל —
איצט שרעקט מיך די טונקעלע שעה, ווען דו שטאַרבסט.

ווי אומעטיג קאַלט
עס האָט די לבנה דעם נעפל דורכשטראַלט!
עס האַלט מיר די האַרבסטיגע נאַכט אין די אָרמס
און זייגט פון מיין קערפּער די וואַרימקייט אויס
ווי וואַרים און היימליך געווען איז דיין שויס
געווען און פאַרשוואונדן.

## פון שוואַרצע נעכט אַ טרויער צוג

פון שוואַרצע נעכט אַ טרויער צוג
באַגלייט מיין זיין אָהן דיר.
דער לעצטער טראָפּן וויין פון קרוג,
די לעצטע פרייד
איז טויט
אָהן דיר.

ווער איז מיר דאָ, ווער דאַרף מיר דאָ
חוץ דיר, געליבטע מיין?
די גאַנצע וועלט פאַרקויפט און קויפט,
די צייט זי לויפט
און גלייך מיט איר
פאַרשווינדסטו שטיל פון מיר
צום טויער פונ׳ם טויט.

אײן רגע נאָר װאָלט איך געװאָלט
אַ קוק געבן אױף דיר,
דערצײלן דיר, װי איך האָב האָלט,
װי שטיל איך בענק נאָך דיר.
אַ דריק אין האַנט,
אַ גיכער בליק
פֿון אונטער דײַנס אַ ברעם, —
מער דאַרף איך נישט, —
דאָס איז מײַן גליק,
דער חלום פֿון מײַן װיג.

# ווען דו וועסט אַוועקגיין

ווען דו וועסט אַוועקגיין תהלים וועל איך זאָגן,
פאַר דעם אַלטן ספר וועל איך זיך באַקלאָגן;
דאָרטן, וואו אַזויפיל טרערן שטילע רינען
איינזאַם וועט מיין טרער איר ווינקל אויך געפינען;
דאָרטן האָב איך קברים טייערע, געליבטע:
עס קוקן שטיל מיין מאַמעס אויגן די באַטריבטע,
און פון יעדער שורה פליסט צו מיר איר תפילה,
פול מיט טרייער ליבע, ווי אַ טרייסט אַ שטילע.
און פאַרנאַכט, אין שעה פון ווייכן, מילדן קימער,
צושליסן וועל איך די טיר ביי מיר אין צימער,
אויפמאַכן דעם ספר, און מיט זיין אַלטן ניגון
וועל איך אין מיין האַרץ דעם טיפן צער פאַרוויגן.
און אין חלום וועט מיין טרוים־געליבטע קומען,
נישט אין ווילדע טעניץ, פאַרצירט מיט בונטע בלומען —

אין דער אַלטער שוּל, דאָרט וואו די ווייבער זיינען,
וועט אַ הייליג׳ שטראַל איר בלאַס געזיכט באַשיינען.
דורך די פענסטער לייכטן וועלן מיר פון אויבן
אירע צאַרטע בליקן, פול מיט טיפן גלויבן.
קיינער וועט נישט זיין, נאָר איך מיט איר אינאיינעם,
אויפגעבונדן מיט אַ ווייטן טרוים אַ שיינעם,
וועלן מיר צוזאַמען, ווייט פון אַלע מענטשן,
בעטן גאָט, ער זאָל די ליבע אונזרע בענטשן.

## ווידמונג

כ׳בין פֿאַרליבט אין דיר, מיין שטילע,
אין די טיפֿע, שוואַרצע אויגן,
וועלכע האָבן קילע שאָטנס
און לבנהשיין געזויגן.

דיינע הענט, די צאַרטע פֿינגער —
נאָר פֿאַר סטרונעס שטיל צו גלעטן
און פֿאַר שבת־ליכט זיך רויטלען,
ווען די ליפּן ערנסט בעטן,

און די טריט, וואָס שוועבן לאַנגזאַם,
גלייך, זיי וואָלטן ניין באַגלייטן
ביי דעם טאַקט פֿון טרויערטענער
שטיל אַ מיטה פֿון אַ טויטן.

טרויערטענער, שטילע לידער
און אַ סוד פֿון ליכט און שאָטן,
ווייסע טרוימען פֿון אַ ליליע,
וועלכע ווערט דערנאָך צעטראָטן.

יאָ איך ליב דיך בלום פֿון טרויער
און דאָס ביסטו, מיין געליבטע,
ווי אַ מלכּה שטאָלץ, און אוינן —
פֿון אַ שכינה אַ באַטריבטע.

# דאָס בלוט פון קדושים

דאָס בלוט פון קדושים פליסט אין מיינע אָדערן,
אַ טאָכטער פון מאַרטירער ביסטו, קינד!
מיר מוזן גיין אין וועלט און דאָרטן פאָדערן
גערעכטיקייט פאַר אַלץ, וואָס לײַדט אַצינד.

די רו לאָז אָפּ, מײַן טײַערע, אַנ׳אַנדערן.
נישט אונז געהערט פון שפּראָצונגען די פרייד,
דעם שטעקן נעם, מײַן קינד, און לאָ׳מיר וואַנדערן —
די וועלט איז ברייט און פול מיט טיפן לייד.

אונז איז באַשערט דאָס וויסטע פעלד צו אַקערן
פון מענשלעך גײַסט און מענשלעכן געמיט,
מיט הייליג׳ פלאַם דעם דאָרן סנה צופלאַקערן,
נישט האָבנדיג די פרייד בשעת ער גליט,

די גאַנצע וועלט מיט דערנערקרעניץ באַקרוינענדיג,
אַליין, אַליין זיך בלוטן אונטער זיי,
די גאַנצע וועלט מיט ליבעגלאַניץ באַשיינענדיג,
פאַרגיין אַליין אין דעם נתשמני־וויי...

דערפאַר האָט גאָט, די גאַנצע וועלט באַשענקענדיג,
באַגנעדיגט אונז מיט יענעם טיפן בליק,
וואָס קען אין תהום פון ליידן, זיך פאַרבענקענדיג,
דערזען דעם גלאַניץ פון וויטן, גרויסן גליק.

דאָס בלוט פון קדושים פליסט אין מיינע אָדערן,
א טאָכטער פון מאַרטירער ביסטו, קינד!
מיר מוזן גיין אין וועלט און דאָרטן פאָדערן
גערעכטיקייט פאַר אַלץ, וואָס ליידט אַצינד.

## ווייסע פרילינגס־בליטן

ווייסע פרילינגס בליטן
שיטן זיך און שיטן.
גלייך ווי דיינע טרוימען
וועט מען זיי ניט היטן,
גלייך ווי דיינע טרוימען
וועט מען זיי צעטרעטן.
איינציגע נאָר אפשר
וועט מיין ליבע רעטן;
איינציגע נאָר אפשר
וועט מיין ליד געפינען,
און אין ריימען צאַרטע
דיך מיט זיי באַשפּינען.

## אויף די שטילע וועגן

אויף די שטילע וועגן
האָט געשפּרייט אַ רעגן.
אויף די שטילע וועגן,
וואו מיר ביידע גייען,
בליען די קאַשטאַניען,
שמעקן די אַקאַציען,
אָטעמען מיט אָוונט —
פרישקייט די אַלייען.

אויף די שטילע וועגן
נויגן זיך די צווייגן,
קאַפּען גרויסע טרערן
אינם גרינעם שווייגן.
און אין שטערן שימער

מיט אַ צער אַ שאַרפֿן
שפּילן אויף די פֿעלדער
ווייטע פֿרילינגס האַרפֿן.
קלאָגן זיך אין נעפּל
מיט אַ יונגנט טרויער
גלייך ווי דו מיין טרייע
אין דיין חופּה שלייער.

## ממעמקים

לאָמיר ניט ריידן
און האָבן געדולד.
הייליג די ליידן,
וואָס קומען אָן שולד.
הייליג די ליידן:
זיי לייטערן שנעל,
עפענען הערצער,
און מאַכן זיי העל.

אומעטום הער איך
נאָך הילף דיין געשריי.
זע דיינע אויגן
דערפילטע מיט ווי.
זע דיינע אָרעמס

אין לײדן צעשפּרײט;
אויף שטיקער צעריסן
דײַן קיניגליך קלײד.

נאָר וואָס קאָן איך העלפן,
און וואָס קאָן איך טון;
אויך איך בין אַ קיניג׳ס
פאַרטריבענער זון.
ערגעץ וואו ראָסטעט
פאַרלאָרן מײַן שווערד.
ערגעץ וואו בלאָנדזשעט
מײַן היציגער פערד.
ערגעץ וואו דרעמעלט
פאַרכּישופט מײַן חיל,
ערגעץ וואו, טרײַע,
פאַר טויזנטער מײַל.

און איך בין דאָ אײנער
און האָב ניט קײן מאַכט.
קריץ מיט די צײנער
אין שלאָפלאָזער נאַכט.
ברעך מיט די פינגער
און יאָמער און בעט,
װײק אוים מיט טרערן
מײַן אײנזאַמעס בעט.

אַט זע, ווי איך נויג זיך
און קוש דיינע טריט,
וואַש זיי מיט טרערן
פון שווערן געמיט,
שטעק יעדן דאָרן
פון דיר אין מיין לייב.
ניי אויף די וועגן
און זוך זיי און קלייב.

לאָמיר ניט ריידן
און האָבן געדולד.
הייליג די ליידן,
וואָס קומען אָהן שולד.
הייליג די ליידן:
זיי לייטערן שנעל,
עפענען הערצער
און מאַכן זיי העל.

## אַ חופּה־ליד

זאָל אין דיין כּלה שוים
מיין לוסט געהיילינגט זיין,
גלייך, ווי דער רויטער וויין,
וואָס פּינקעלט אינם כּוס
ביים שיין פון חופּה ליכט.
און זיין זאָל מיין באַגער
פון חלום ניט דערוועקט,
גלייך, ווי עס איז באַדעקט
מיט צאַרטן, ווייסן זייד
דיין מיידעלשעם געזיכט.

און ווען דער כּוס וועט זיין
שוין ליידיג פונ׳ם וויין,
און פול מיט שטילן פּיין,

וועט ליגן זיין קריסטאָל
צערשמעטערט צו דער ערד;
אָ גלויב, עס איז דער שטויב
פון דער פאַרבליאונג נור,
וואָס נאָך איר צאַרטן שפור
איז ערשט דאָס צייטיגע
און זאַפטיג׳ פרוכט באַשערט.

און ווען דיין יונגפרוי האַרץ
וועט וויינען פון פאַרדרוס,
ווען צו דיין שלאַנקן פוס
וועט ליגן אָפּגעפליקט
דאָס ריינע יוגענט בלאַט;
אָ גלויב, עס איז אַ פריינט,
אַ ברודער און אַ מאַן
מיט דיר מיין קינד פאַראַן,
וואָס ליבט און בויט מיט דיר
אַ בנין עדי עד.

## די הייליגע בשורה

אין דער בלאָער אָוונט־ווייטקייט,
מיט אַ ליבליכער מוזיק,
ווערט דער צויבער־טרוים פאַרגאַנגען
פון מיין העלן יונגנט־גליק.
שלאַנקע, יונגע סילועטן,
קרענץ פון בלומען זעט מיין בליק
און אַ ווייטער פלייטן־עכאָ
קומט מיין אויער נאָך צוריק.

אויף מיין אַקסל פיל איך, ליבסטע,
ווי עס כוואַליעט זיך דיין האָר,
און דיין האַנד, אין אָוונט־בלויקייט,
ציט זיך, ווי אַלבאַסטער־קלאָר.
ווילסט פאַרהאַלטן די זכרונות

פון דעם נאָך פאַרגאַנגען וואָר,
פון דעם זיסן, פון דעם ליבן,
פון דעם איינציק גוטן יאָר.

אָ, געטרייסט זיי, אויגיג־שוואַרצע
און מיין ליבע, צאַרטע טויב.
זע, אַ נייע העלע יוגנט
קלאַפּט אין אונזער טונקל־שויב.
פון דיין מוטער־שויס, אָ, טרייע,
שפּראָצט־אַרויס אַ נייער בוים,
וועלכער הויבט זיך אויף צום מאָרגן
ווי אַ נייער יונגער טרוים.

## הייליגער טרויער

דורך אַלע נעפּלען שמייכלט מיר דיין געזיכט
און שטראַלט אין ליכט
פון ווייטן, ווייכן טרויער, —
עס איז דער גלאַנץ פון אַ געהייליגט פּיין,
וואָס הילט אונז איין
אין לייכטן ליכטן שלייער.

אַזוי שמייכלט ווייך אַ מוטער צו איר קינד;
אַ הייליגער דערמאָנט אַזוי זיין זינד;
אַזוי באַגריסט דעם תּליון אַ מערטירער;
די יוגנט שמייכלט צו אַזוי דעם טויט;
אַזוי צעשטראַלט די ליבע זיך אין נויט,
און געטער ווערן אין דעם ליכט געבוירן.

## גלויבן

עס האָט דער טויט צו מיר
זיין שוואַרצע האַנט געצויגן,
אַנטקעגן האָבן שטיל
געלויכטן דיינע אויגן.
האָסט צו מיין גלויבן מיר
אַ גאָלדנעם בריק געשלאָסן.
איך האָב אַ פעלד דערזען
מיט זונען ליכט באַגאָסן
און קאָרן בלומעלעך,
ווי טראָפּנס הימל בלוי.
די רו האָט ווייך געוויגט
מיט ווינטיגע הענט די זאַנגען,
פון תבואה האָט צו מיר
אַ קינד געשמייכלט ראָז.

איך האָב דאָס קינד געבענשט,
די זאַנגען און דעם גראָז —
און ווייטער, גלויבנדיג,
מײַן טונקעלן וועג געגאַנגען.

# IV

* *
*

מיין ליד איז געפאַנגען אין ריטם פון טרויעריגע, שטילע געזאַנגען,
עס סודן די ווערטער, ווי בלעטער וואָס וועלקן און פאַלן פון בוים;
עס ציען זיך פערזן נאָך פערזן, ווי בייטן מיט שפּעטיגע זאַנגען
פון אונטער אַ הימל אַ גראָען, וואָס זיפּט מיט אַ רעגעלע קוים.

אַזוי ווי אַ מחנה יתומים, וואָס בלאָנדזשען אָהן טאַטן אָהן מאַמען
אַזוי זוכן אום מיינע לידער אַ זעלע, וואָס זאָל זיי פאַרשטיין.
און שטיל אין דער וועלט, מיט דער עלנטער איינזאַמער שכינה צוזאַמען,
באַקלאָגן זיי פאַר זיך דעם חרבן און זוכן אַ טרייסט אין געוויין.

פאַרוואָגלט אייך, לידער, פאַרוואָגלט! געפינט וואו אַ שול אַ פאַרלאָזטע,
וואו ס'דאַוונען די פייגעלעך שחרית, און מעריב — דער נאַכטיגער ווינט.
פאַרוואָגלט אייך! טאָמער געפינט זיך נאָך דאָרטן אַנ'אויג אַ פאַרטרערטע
און ס'מורמלט נאָך, „טאַטע" און „מאַמע" אויף אידיש אַ אידישעס קינד.

## מיר וועלן פֿאַרבלייבן אין שול

מיר וועלן פֿאַרבלייבן אין שול
ווען די טריט פֿון דעם לעצטן אין ווייט וועט פֿאַרשווינדן,
און ס'וועט דעם נר־תּמיד פֿאַרלעשן דער ווינט,
דאַן וועלן מיר ווידער זיין ליכטל אָנצינדן.
מיין קינד!
עס טאָר זיך נישט לעשן,
מען טאָר נישט פֿאַרגעסן
צו שטעלן אַ יאָרצייט דער שכינה פֿון פֿאָלק.
מיר וועלן פֿאַרבלייבן אין שול.

און שחרית, און מנחה און מעריב פֿאַר אַלע
דאַן וועלן מיר דאַווענען און בעטן אַליין,
און ווען עס וועט קומען פֿון שבת די כּלה,
דאַן זאָלסטו פֿאַרמיידן געוויין.

מיין קינד!
מען טאָר נישט באַטריבן,
זי איז אונז געבליבן
דער איינציגער פריינט פון אַמאָל.
מיר וועלן פאַרבלייבן אין שול.

די שול דאַרף קיין עולם פון טויזנטער מענטשן —
פון אייביג אָן היטן יחידים איר פראַכט.
זי וועט, ווי אַ מאַמע, אונז טוליען און בענטשן,
ביז וואַנען ס'וועט קומען די אייביגע נאַכט.
מיין קינד!
נאָך אונז וועלן זינגען די פייגעלעך שירה,
דער נאַכטווינט, ער וועט אונז באַוויינען אין חצות,
פאַרנאַכט, אין דעם שיין פון די פורפורנע שטראַלן,
וועט סודן שטיל נעילה אַ טרוקענער גראָז.
מיר וועלן פאַרבלייבן אין שול.

## געשטאָרבן דער לעצטער בעל־תּפֿילה

געשטאָרבן דער לעצטער בעל־תּפֿילה,
פֿאַרשלאָסן שטייט איינזאַם די שול.
די פֿענסטער פֿאַרשלאָגן, און שאָטנס
פֿאַרשעמטע זיי מאַכן זי פֿול.

עס ליגט ווי אַן׳אייביגער טרויער
אַריבער די נאַקעטע ווענט
און אונטער דער קרוין פֿון כּהונה
פֿאַרבראָכענע רוען צוויי הענט.

געשטאָרבן דער לעצטער בעל־תּפֿילה,
נישטאָ ווער צום עמוד זאָל גיין;
עס לעשט זיך און צאַנקט דער נר־תּמיד
ביי זיך אין זיין ווינקל אַליין.

און שטיל אויף די טרעפּלעך פון אָרון
די שכינה אַנ׳עלנטע שטייט;
איר קאָפּ איז געבוינן אין טרויער
און שוואַרץ, ווי די נאַכט איז איר קלייד.

און ס׳דוכט, אירע ליפּן זיי מורמלען
אַ שטילעס, אַ לעצטעס געבעט,
און ס׳הערט זיך אַ שטים פון פּרכת:
צו שפּעט, מיין געטרייע, צו שפּעט!...

## וואו זאָל איך בעטן

וואו זאָל איך בעטן,
בײַ וועמען, בײַ וועמען ?
ווער וועט מײַן אײנזאַמע תּפילה פֿאַרנעמען ?
דער אײנציגער בלײַבט מיר דער אַלטער פּרכת,
דער אַלטער, פֿאַרשטױבטער,
בײַ אים אין די פֿאַלבן
פֿאַרבאָרגן מײַן פּנים וועל איך און אָהן כּחות
אײנדרעמלען.
און זאָל אין מײַן חלום דער זײדע מיך זאַלבן
פֿון כּוס, וואו עס רוען די אײביגע טרערן;
דערבײַ זאָל בײַ יעטווידער שטענדער אַ שאָטן
פֿון קדוש־השם בײַ אַ ליכט שטײן געבױגן.
אַ ציטער פֿון פֿלעמלעך
און אױגן פֿול גלױבן

צו מיר, צו דעם עלנטן זאָלן זיך הויבן;
און שטיל מיר פאַרטרויען די הייליגע סודות
און זיין פון מיין תפילה די איינציגע עדות.
ווער ווייס ?
אפשר וועט זי שוין זיין גאָר די לעצטע
און קלאַפּן די לעצטע אין הימלישן טויער,
וואָס וועט זיך נאָך איר שוין אויף אייביג פאַרמאַכן,
אַזוי ווי די טיר פונם אַלטן בית מדרש
אַזוי ווי דער סידור, וואָס ליגט אויפ׳ן עמוד,
אַזוי ווי דער אָרון, וואו ס׳רוען די ספרים,
אַזוי ווי אין האַרצן ביי מיר איז דער טרויער.

# אַ תפילה

אַ, גרויסער גאָט!
איך בעט דאָך אַזוי ווינציג.
ווי קליין עס איז און נישטיג מיין באַגער:
אַ קבר גיב מיר נאָר,
וואו איך זאָל רואיג ליגן,
און פאַלן זאָל אויף אים
מיין איינן קינדס אַ טרער.
און וויסן זאָל איך, ווען איך וועל מיין אויג פאַרמאַכן,
אַז אונטער יענעם בוים, וואָס וועט מיין רו באַשיצן,
וועט אין אַ זומערטאָג אַנ'אוראייניקל זיצן
און לעזן שטיל פון מיין מצבה שטיין
דעם נוסח דאָרט, געקריצט אין שפּראַך פון מיינע אבות,
און לעזנדיג, די ווערטער כאָטש פאַרשטיין.
ניין!

איך דאַרף נישט דיינע הימלען...
אויב זיין אַ שאָטן איז מיר דאָ באַשערט,
נעם צו בײַ מיר די אייביקייט פון אויבן
און שענק מיר דאָ
אַ ווינקל אויף דער ערד.
דאָס איז די ערגסטע שטראָף:
צו שטאַרבן אויף די וועגן,
נישט וויסן, וועלכער פוס
וועט טרעטן אויפ'ן אָרט,
וואו ליגן וועט מיין קאָפּ
און שוועבן מיינע טרוימען,
וואו אָפּקלינגען אין לופט
וועט שטיל מיין לעצטעס וואָרט.

## פאַר אַ מאָנאַסטיר

הויכע, ווייסע ווענט און קליינע שטילע פענסטער,
ערטערווייז מיט פאָרהאַנגען פון גרינס פאַרשטעלט;
אַ צאַרטער, ראָזער שיין, אַ מילדער ווינט פון אָוונט —
דאָס איז פון טרוים און רו דער אייביגער געצעלט.

אָט פלאַמט אין יעדער פענסטער אויף אַ קליינעס ליכטל
און אויף די ביימער פליסט דורך זיי אַ שטיל געבעט;
עס ציטערט אויף אַ גלאָק און שיקט אַ גרוס די פעלדער
און ס'דוכט מיר, אַ מאָנאַך שטייט אויף פאַר מיר און רעדט:

אַלע, אַלע ערטער האָבן מיר פאַרנומען,
אַלע וועגן האָבן מיר פאַרשטעלט פאַר דיר...
דו וועסט מוזן, ליבער, דו וועסט מוזן קומען,
ווי אַ וואַנדרער קלאַפן שטיל אין אונזער טיר.

װען דו װעסט פֿאַרלירן דאָרט דאָס לעצטע װינקל
און קײן בליק װעט מער נישט גלעטן דײַן געזיכט,
דאַן װעסטו אין אונזער פֿענסטער זען אַ פֿינקל,
אין דײַן קאַמער װעט זיך אָנצינדן אַ ליכט.

קײנער, קײנער װעט נישט שטערן דיר דײַן רו, —
מער נישט, װי די גרינע בײמער רױשן דאָ,
דורכ׳ן פֿענסטער װעסטו זען נור פֿעלדער תּבֿואה
און דעם אומבאַגרענעצטן, טיפֿן הימלסבלאָ.

דו װעסט אַלץ פֿאַרגעסן, דײַנע טרױמען װעלן
פֿון דײַן פֿאָלק דעם חורבן נישט באַװײַזן מער;
אַ פֿאַרװעלקטע ליליע אין אַ כּוס מיט װאַסער
װעט בשעת דײַן תּפֿילה אײַנזאַפֿן דײַן טרער.

## צווישן די זאַנגען

צווישן די זאַנגען,
פון טרויער געפאַנגען,
זוך איך אַ שטעגל, וואָס פירט צו אַ היים.
די זון איז פאַרגאַנגען...
עס טראָגן זיך קלאַנגען
פון קלויסטער צו מיר
און זאָגן:
„ביי אונז איז אַ היימאַט פאַר דיר...
עס שטייט אונזער טורם
באַשיצט פון אַ שטורם
מיט דעמבעס אוראַלטע,
וואָס היטן זיין רו.
מיר וועלן דיך וויגן,
אויף גראָז וועסטו ליגן,

עס וועט אונזער ניגון
דיר וועבן דעם חלום
פון אייביגער רו...״

די קלאַנגען זיי זײַנען געוואָרן אַנטשוויגן;
איך זע נאָר דעם גאָלדענעם צלם פון טאָל.
ער פינקלט אין פורפור,
און ברענט, ווי אַ פלאַקער
און שפריצט אויף די ביימער מיט בלוט און מיט שטאָל.
אָט דוכט מיר, אין שאָטנס, צווישן די שטאַמען
שטייט אויף מיט׳ן פינקלענדן נעפל צוזאַמען
אַ גרייז־גראָער מאַן מיט אַ שטעקן אין האַנט.
די אויגן פול טרערן, מיט בלוט אויפ׳ן שטערן,
איין האַנט אין דער לופטן, ווי זי וואָלט זיך ווערן
אַנטקעגן דער ווייסער, דער קלויסטערשער וואַנט.
אָט עפנט זיך, דוכט מיר, דער טויער פון קלויסטער.
פון ווייטן באַווייזן זיך רייטער אויף פערד,
אַפריער רייט איינער פאַרוויקלט אין שוואַרצן,
עס פלאַמט, ווי אַ פאַקל, זיין שטאָלענער שווערד.
עס טראָגן זיך טענער פון אָרגל.
דער רייטער דערגענט זיך צום אַלטן, וואָס ציטערט פאַר שרעק.
עס וואַרפט די לבנה איר זילבערנעם אָפּגלאַנץ
און ווייזט אים צווישן די שטאַמען דעם וועג.

עס טראָגן זיך טענער, עס צינדן זיך ליכטער,
עס פלאַמען די פענסטער פון קלויסטער אַרום.

אָט הייבט ער, דער שוואַרצער, זיין שווערד אויפ׳ן אַלטן,
דער אַלטער ווערט שטאָלצער, פאַרגליווערט און שטום.
עס שלייכן מאָנאַכן פאַרוויקלט אין ווייסן,
עס ציען זיך מאָגערע פינגער און רייסן
אומשולדיגע ליליען פון טויאיגן גראָז.
דער שווערד האָט דערגרייכט ביז׳ן ברוסט פון דעם אַלטן,
עס רוקט זיך זיין ברוסט צו דעם שאַרף צו דעם קאַלטן.
די ליפּן זיי פלוכן דעם שוואַרצנס געבאָט.
עס שימערט דאָס בלוט אויף די ליליען די ווייסע,
עס ציטערט דער קלויסטער פון לעצטן „אחד!״

— — — — — — — — — — — — — — —

די נאַכט איז אַראָפּ
און פאַרלאָשן די שטראַלן, —
דאָס בילד איז פאַרשוואונדן.
לעם מיר אויף אַ זאַנג
האָט שטיל זיך צעפינקלט אַ טראָפּן אַ קלאָרער
און קוקט אויף מיר עלנט, און קוקט אויף מיר באַנג.
און ערגעץ פון וויטן דערגרייכט מיר אַ בת־קול
אַזוי ווי אַן׳עכאָ... מיר דוכט, אַז איך הער:
זוך וויטער דיין היימאַט;
נישט דאָ ועסטו רוען,
וואו ס׳טראָגן זיך תּפילות
ביים גלאַנץ פון געווער,
וואו יעטווידער קלאַנג איז דיין זיידנס אַ קללה
און יעטווידער טראָפּן — דיין זיידנס אַ טרער.

## שבת חזון

אין שוואַרצן טו זיך אָן, מיין פריינט,
און גיי אַרויס מקבל־זיין
די מלכה שבת מיט דיין צער
אין שטילן, ראָזן נעילה־שיין.

און ווען זי וועט מיט שטילע טריט
אַדורכגיין אונזער אָרעם נאַס,
צינד אָן מיט טרויער אירע ליכט
און זאָל דיין אויג פאַרבלייבן נאַס.

און נאָכדעם גיי אַרויס אין פעלד,
און הער זיך צו צום אָוונטקלאַנג
און זאָג: דער פרעמדער גאָרטן בליט,
פאַרוועלקט איז אונזער שוין פון לאַנג.

און זאָג: די חורבה איז פֿאַרלאָזט,
עס ברומט שוין נישט אין איר קיין טויב,
דער שיינער טרוים פֿון אויפֿבויען
דערשטיקט האָט זיך אין אַלטן שטויב.

און ווען עס וועט דער לעצטער שטראַל
פֿאַרגיין, דאַן קום אין שול צוריק,
באַהאַלט זיך אין אַ ווינקל שטיל
און האַלט אַראָפּגעלאָזט דיין בליק.

אין שוואַרצן טו זיך אָן, מיין פֿריינט,
און גיי אַרויס מקבל־זיין
די מלכּה שבת מיט דיין צער
אין דעם נאָך בלאַסן נעילה־שיין.

## אַ צער פון טויזנט דורות...

אַ צער פון טויזנט דורות ליגט אויף מיר,
דער גרויסער פּיין געשטעמפּלט האָט מיין שטערן,
מיין טייערע, ווער וויס צו איך וועל ווערן
דעם שופר פון מיין אויסלייזונג דערהערן!

מיין טייערע, איך וויס נישט, וואָס איז שווער,
צו הבל׳ס טויט, צו קין׳ס לאַנגעם לעבן,
נאָר מיך באַשטראָפט אין צווייען האָט מיין גאָט:
ער האָט דעם צער פון ביידן מיר געגעבן.

אַליין בין איך פון אַלעמען פאַרשעמט
און טראָג אויף זיך די זינד פון אַלע מענשן.
וואו נעמט מען, זאָג, די כחות פון אַמאָל, —
אין פייער גיין — און גאָט פון דאָרטן בענטשן!

## פאָראויס איז גאָרנישטאָ...

פאָראויס איז גאָר נישטאָ, דער וועג וועט זיין אומענדליך...
באַהאַלט זיך ערגעץ וואו, און גיב זיך אָפּ דיין טרויס.
נישט וואַרט אויף אים, מיין פריינט, ער וועט צו אונז נישט קומען —
דערשלאָגן ליגט ער ביי די טויערן פון רוים.

נישטאָ קיין רחמים מער; דער הימל איז פאַרשלאָסן;
די שכינה איז אַוועק, געלאָזן אונז אַליין.
און גרויס איז אונזער צער, ער שטייגט אַריבער וועלטן,
און מיר, מיר זענען מיד אַנטקעגן אים און קליין.

דער זיידע איז שוין טויט, די ליכט אין שול פאַרלאָשן,
דאָס לעצטע אויג פאַרמאַכט, די לעצטע וואַנט צעשטערט.
איין טרייסט איז נאָך פאַראַן: עס וועט מיט אונז צוזאַמען
אויך אונטערגיין די לעצטע גאולה פון דער ערד.

## פאַר דיינע אַלטע חרבות...

פאַר דיינע אַלטע חרבות שטיי איך פול מיט מורא,
און גלויב, עס וועט אין זיי אַ גרויסער נס געשען...
ווער וויס, צי שרייבט מען איצט נישט דאָרט אַ נייע תּורה
און פּלוצלינג וועט די וועלט אַ נייעם ליכט דערזען.

ניין, ניין, ניט קלאַפּ, ניט רוף אין פרעמד-פאַרמאַכטע טירן —
אַ נייער נביא וועט נאָך אויפטרעטן דיין שוועל
און וועט די גאַנצע וועלט אין דיינע וועגן פירן
און הייסן טרינקען פון דיין אַלטן וואונדערקוועל.

אָ, גאָט, דערנענטער שוין דעם נס, און זאָל ער קומען, —
עס בייגן זיך די קני פאַר מידיקייט און צער,
זאָל ווידער אויפבליען דער וואַנדערשטאָק מיט בלומען,
זאָל ווידער אויפטון זיך דער העלער רחמים-שער.

## לאָזט אונז ווייגען

לאָזט אונז ווייגען אין די ווינקלען —
יעדן מענטש פאַר זיך אַליין.
אין דער איינזאַמקייט צעפּינקלען
זיך די טרערן הייליג־ריין.
צופיל גרויס איז יעדנס אומגליק,
אַז אַ צווייטער זאָל פאַרשטיין.
לאָזט אונז ווייגען אין די ווינקלען —
יעדן מענטש פאַר זיך אַליין.

לאָזט אונז שווייגן אויף די קברים,
ווי די מתים שטומע דאָרט —
פאַר דעם סוד וואָס זיי באַהאַלטן
ווערט פאַרגליווערט יעדעס וואָרט.
נאָר די שטיינער קאָנען שרייען

פון דעם שווידערליכן אָרט.
לאָזט אונז שווייגן אויף די קבֿרים,
ווי די מתים שטומע דאָרט.

לאָזט אונז אין די ווינקלען טראַכטן —
פרעגט נישט קיינעם, וואָס מען טראַכט, —
אַזוי טראַכט אין זיין פאַרמאַכטן
קאַמער אין דער לעצטער נאַכט,
אַ פאַרמשפּט׳ער צום תּליה
און אַ זעלנער פאַר דער שלאַכט.
לאָזט אונז אין די ווינקלען טראַכטן —
פרעגט נישט קיינעם, וואָס מען טראַכט.

## פאַרשוועכטער שווייגן

וואָלט אונז דאָס בלוט אין די ליידן דערהויבן,
וואָלט עס אַ ליכט אין אונז הייליג געצונדן —
דאַן וואָלט איך גלויבן,
דאַן וואָלט איך גלויבן
און מיט אַ שמחה געבענטשט מיינע וואונדן.

וואָלט אונז די שאַנד ווי אַ קרבן געריייניגט,
וואָלט איך עס שטאָלץ אויפ'ן שטערן געטראָגן,
גלייך ווי אַ קרוין,
ווי אַ שימער פון אויבן,
גלייך ווי אַן אָבגלאַנץ פון אויבינן טאָגן.

קברים, אָ, קברים
אומענדליכע רייען !
וואָלט אַרום אייך כאָטש אַ מדבר געשטומט —

דאן וואָלט צווישן פֿאַרשטיינערטע רייען
אַ דורשטיגער לייב פון נקמה געברומט.

קברים, אָ, קברים
אומענדליכע רייען!
פינסטערע אייביג פאַרצווייפעלטע נעכט!
אָ, די געשרייען, די בעטלער=געשרייען, —
זיי האָבן דעם הייליגן שווייגן פאַרשוועכט!

# גלאַט אַזוי

נישט קיין שאַל פון טראָמפּייט,
נישט קיין פאָן האָט געווייהט,
נישט קיין פערד האָט געיאָגט,
נישט קיין פייל האָט געקלאָגט, —
אויפ'ן פעלד ווייט און וויסט
גלאַט אַזוי, ווי דער מיסט,
האָבן מיר זיך צעלייגט,
אינם אייגענעם בלוט אויסגעווייקט.

נישט פאַר לאַנד, נישט פאַר גאָט
האָט גערונען דאָס בלוט —
גלאַט אַזוי,
ווי אַ וואָרם פון טראָט,
ווי אויף וועגן דער גראָז

אָהן פֿאַר וועם, אָהן פֿאַר וואָס, —
גלאַט אַזוי...

נאָר איין זאַך טוט אונז באַנג:
וואָלט פֿון אונז כאָטש אַ שלאַנג
אויף די וועגן אַרויס
און געביסן מיט גיפֿט
קליין און גרויס,
סע'ן יעטווידער בלוט, —
נישט פֿאַר כעס, נישט פֿאַר וויי —
גלאַט אַזוי!...

## משיח

עס קלינגען די קייטן ביים טויער פון רוים —
דאָרט זיצט ער מיט אָפענע וואונדן.
זיי וויטיגן, קינד מיינס, מיט אונזערע לייד,
און ווערן נישט קיינמאָל פארבונדן.

און טויזנטער יאָרן פארגייען אזוי
אין שטילע יסורים ביים טויער,
און טיף אין אים קלייבט זיך דער אייביגער וויי,
און ס׳וואקסט אלץ דער אייביגער טרויער.

נאָר תשעה־באָב, ווען עס קומט האלבע נאכט,
און פול ווערט מיט רחמים דער הימל,
דאן פאלן צוויי שטערן אראָפּ, און ער ווערט
פארוויגט אין א היילינגן דרימל.

דאַן נידערט די שכינה אַראָפּ אויף זיין קאָפּ
און קושט אים מיט ליבע אין שטערן,
און טרייסט אים און ווייזט אים די גאולה אין טרוים,
און וויינט מיט באַהאַלטענע טרערן.

* *
*

מיין פאָלק, עס געהערט מיין נשמה דיין טרויער.
אַזוי ווי די שכינה אין שוואַרצן פאַרהילט.
וועט זי אייביג זיצן מיט בענקשאַפט ערפילט
ביי דיר אויף דיין אַלטן צעוואָרפענעם מויער...

און דאָרט, אויף די חורבות פון בלאַסליכע שטראַלן
וועט זי איינזאַם שפינען מיין צערטליכעם ליד,
וואָס וועט דיך דערגרייכן פאַרחלומט און מיד,
און שטיל אין נשמה, ווי פערל צעפאַלן...

מיין ליד וועט אַנ׳איינזאַמע תפילה דיר ווערן,
אַ בעכער פאַר דיינע פאַרלאָזענע טרערן;
מיט אים וועסטו וועבן דיין טרויריגן ניגון,
מיט אים וועלן מאַמעס די קינדער פאַרוויגן!...

* *
*

דאָס הייבען, טייערע, די זײַדנגעוועבטע,
די ווייסע העמדלעך, מיט בלוט באַפלעקט;
די שטילע מעשׂיות פון מײַן בלאַסער שוועסטער,
וואָס האָבן תמיד מיך פון שלאָף געוועקט.

זיי פלעגן מחנות׳ווייז אַרום מײַן וויגל
באַוואַכן, שוועבנדיג אין שטיל געוויין;
און פאָכנדיג מיט איר פאַרבלוטיגט פליגל,
צוקאָפּנס פלעגט בײַ מיר די שכינה שטיין.

אין לאַנגע ווינטערנעכט, אין גרויסן שווײַגן,
בשעת עס יאָמערט נור דער ווינט אין גאַס,
אין נעכט פון פרילינג, ווען די יונגע צווײַגן
דערציילן, וויגן זיך, פון טויען נאַס —

ווי זומערפײנעלעך פון אַלע פאַרבן
באַפאַלן אָוונטצײַט אַרום אַ ליכט,
געסודעט האָבן זײ: „נישט לאָז אונז שטאַרבן!“
און שטיל געטוליעט זיך צו מײַן געזיכט.

דער שוועסטערס מעשה׳לעך, דער קלאַנג פון קלויסטער,
דאָס יאָרצײַטפלעמל אין דער אַלטער שול,
די אַלע עדות פון מיליאָנען לעבנס —
מיט גײַסטער פלעגן זײ מיך מאַכן פול.

און בין־השמשות־צײַט, ווען מתים וואַכן,
און קלײנע קינדער הערן פרעמדע טריט
און טירן נעמען זיך אַליין פאַרמאַכן, —
באַפאַלן פלעגן זײ דאַן מײַן געמיט.

V

## עלילת דם

נאַכט און שטערן און דאָס רוישן
פֿון אַ ווייטן קוואַל אויף שטיינער;
גרינע ווענט פֿון בלעטער פּייכטע,
און דעם ווינטלס טריט די לייכטע
אויף די שפּיצן פֿון די ביימער...
אַ געשלענגלט' וועג אַ גאָלדנער
צו אַ טיר מיט מעש באַשלאָגן;
איבער איר אַ בילד אַ הייליגס,
קוים באַלויכטן מיט אַ לעמפּל
אין דעם שאָטן פֿון אַ גרויסן
און אַנ'אַלטן, גראָען טעמפּל.

נאַכט און שטערן. אין דעם שוואַרצן
אָפּגרונט פֿון די אַלטע דעמבעם

פינקלען אויף אין טוי פון אָוונט
בלעטער גרינע, רויט באַזוימטע.
ביי אַ פּאַקלגלאַניץ אַ ווייטן,
אין אַ ווינקל שטיל באַהאַלטן,
סודן זיך אין פרילינגסשווייגן
אַ מאָנאַך און צוויי געשטאַלטן...
— אַליין איז צוגעגרייט?
— דער בעכער
מיט דעם בלוט איז דאָרטן, פּאָטער...
— נאָר געדיינקט... דער קלענסטער פעלער!...
— זאָל דער פייכטער קלויסטער קעלער
אונז פאַרשלינגען, אויב מיר וועלן...
— מאָרגן, ווען דער גלאָק וועט קלינגען?
— זייט געזיכערט אויף די מענטשן...
— בענטש אונז, פּאָטער!
— גייט אין פרידן! —
אייך וועט שוין דער הימל בענטשן...

— — — — — — — — — — — — —

אויסגעלאָשן איז דער פּאַקל...
ווידער שאָטנס, ווידער שטערן
אין דעם פייכטן גראָז דעם ווייכן
קאָן מען קוים די טריט דערהערן...

* * *

די זון איז שוין אונטערגעגאַנגען,

עס צאַנקט נאָך אין מערב איר שיין,
באַגלייט פון דריי גאָלדענע שטערן,
איז רואיג דער יום־טוב אַריין.
עס לייכטן די פענסטער אין געסל,
די טישן — זיי שטייען געגרייט;
און שטיל אינ׳ם קלויסטער דעם אַלטן
באַהאַלט זיך און לויערט דער טויט.

די נאַכט קומט אַליין נענטער און נענטער,
עס ברענען די הייליגע ליכט.
אין יעטווידער שטוב שטייט אַ מאַמע,
פאַרדעקט מיט די הענט איר געזיכט.
עס רינען פאַרלאָזענע טרערן
און ווערן אין געסל צעשפרייט,
און שטיל אינ׳ם קלויסטער דעם אַלטן
באַהאַלט זיך און לויערט דער טויט.

די טרערן זיי ווערן פאַרשוואונדן,
דער בעכער איז, דוכט זיך, שוין פול.
עס שטייען די קינדער און וואַרטן,
דער טאַטע זאָל קומען פון שול.
די פנימלעך לייכטן פון שמחה —
אין בגדים אין נייע געקליידט —
און שטיל אינ׳ם קלויסטער דעם אַלטן
באַהאַלט זיך און לויערט דער טויט.

פון שניי איז נאָך ווייסער דער טישטוך,
עסווינקט פון די כּוסות דער וויין,
עס דוכט זיך, אַז אייביג, אַז אייביג
וועט רואיג און ליכטיג דאָ זיין;
עס דוכט זיך, אַז אַלץ איז פאַרגעסן,
פאַרשוואונדן די אייביגע לייד...
נאָר שטיל אין דעם קלויסטער דעם אַלטן
באַהאַלט זיך און לויערט דער טויט.

אָט גנבעט זיך איצטער פון דאָרטן
אַ מענטשל מיט איילינגע טריט.
באַהאַלטן צווישן די ביימער,
פון אויגן פון פרעמדע געהיט
אָט קומט ער שוין נענטער צום געטאָ,
עס הערט זיך פון קלויסטער אַ קלאַנג...
דער טויט האָט פאַרלאָזן זיין ווינקל
און גנבעט זיך שטיל, ווי אַ שלאַנג...

* * *

פול די שול, די לייכטער ברענען,
אין די פענסטער קוקט די נאַכט...
עס שטייט דער עולם שמונה־עשרה
און האַלט די אויגן צוגעמאַכט...
עס ציטערט יעדערן אין האַרצן
אַ שטראַל פון פרייד און שטילער רו.

פאַרטיפט איז יעדער אין זיין תפילה
און זעט נישט ווי די שרעק קומט צו.

עס זעט נישט קיינער, ווי באַהאַלטן
אַנ׳אורח איז אין שול אַריין
און אין אַ ווינקל, ווי אַ גנב,
פאַרשטעלט, פאַרדעקט זיך פון דער שיין;
ווי שלעכט עס פינקלען זיינע אויגן,
ווי בייז עס שלענגלט זיך אַרום
די ליפּן שטיל אַ לייכטער שמייכל,
און ווערט פאַרשוואונדן נאָכדעם שטום.
אָט ענדיגט זיך שוין באַלד די תפילה.
עס וואַרט דער חזן אויפ׳ן רב,
וואָס שטייט אין מזרח, ווי פאַרגליווערט,
גלייך ווי פאַרזונקן אין אַ שלאָף.
נאָר צייטנווייז לויפט דורך אַ ציטער
זיין שוואַרצע קאַפּאָטע פון זייד
און ס׳רינט אַ טרער אויף זיינע באַקן,
וואָס זענען ווייסער נאָך פון קרייד.

עס שטייט דער רב און זעט נישט קיינעם,
באַהערשט האָט אים אַ שלאָף געהיים.
און שטיל צעשפּרייט פאַר זיינע אויגן
האָט זיך אַ מוראַדיגער טרוים.
ער זעט: די שול, זי שטייט אין פלאַמען

און פול מיט אידן ביז'ן טיר,
און קיינער קאָן קיין וועג געפינען,
אום זיך צו ראַטעווען פון איר...
עס רופן שרעקליכע געשרייען...
אָט זעט ער, ווי דער דאַך — ער פאַלט.
נאָר פלוצלינג האָט אַ שטראַל אַ ווייסער
די אויגן זיינע ווי באַשטראַלט.
און צו זיין אויער איז דערגאַנגען
אַ קול, וואָס האָט אים שטיל געזאָגט:
— עס דרעמלט נישט און שלאָפט דער היטער
פון די, וואָס זענען דאָ פאַריאָגט. —
און אויפגעמאַכט האָט ער די אויגן.
און פלוצלינג!... גרויסער גאָט!... אָ, גאָט!...
פון נאָס דערנענטערט זיך אַ טומל,
אַ שרעק פאַלט אויפ'ן עולם אָן.
עס קומט אַלץ נענטער צו אַ בייזער קלאַנג פון שווערדן
און שווערע טריט... אַ הויכער קלויסטערשער געזאַנג...
עס ברעכט זיך אויף די טיר... אַ מעננע שוואַרצע מאַסקעס,
פאָראויס אַ גלח מיט אַ צלם אין דער האַנט...
דערשראָקן שיינט דאָס ליכט אין שפיגל פון די קאַסקעס;
עס וואַרפט אַ בייזן גלאַנץ דאָס בלאַנקע מעש פון זיי...
אַ שטיל־פאַרשטיקטער „אוי" —
פאַרגליווערטע געזיכטער...
עס לעשן זיך די ליכט;
דער שאָטן ווערט געדיכטער...

דער גלח נעענט זיך מיט פעסטע טריט אַהין,
וואו ס׳שטייט דער אָרון־קודש, שטאָלץ פאַרהילט אין די סודות,
און פלוצלינג שניידט די שטילקייט דורך אַ פרעכע שטים...
עס וואַקסט לעם גלח אויס דער איינגעהילטער אורח,
עס ציט זיך צום פרכת אויס אַ דאַרע האַנט,
אַזוי ווי זי וואָלט גרייט געווען צו זאָגן עדות.
און ס׳קלינגען־דורך די ווערטער שאַרף, מיט וואוט:
— אָט דאָרטן, דאָרטן שטייט דער בעכער מיט דעם בלוט...

— — — — — — — — — — — — —

שאַ... ס׳רירט זיך דער פרכת אויפ׳ן אָרון;
עס מורמלט יעדערער אַ תפלה פאַר זיך שטיל:
אָ, גרויסער גאָט... נישט לאָז אונז גיין פאַרלאָרן...
וועמעס האַנט — אָ, וואונדער! — עפנט ביידע טירן?
וועמעס ליכט באַלייכט די ספרי־תורות דאָרט?
עס שטייט דער עולם, ווי פאַרגליווערט פון דעם וואונדער...
קיינער וואַגט זיך נישט צו רירן פון זיין אָרט.

— — — — — — — — — — — — —

לאַנגזאַם, לאַנגזאַם מאַכן אויף זיך ביידע טירלעך פון דעם אָרון,
ווי די טויערן, וואָס פירן אין דער אייביקייט אַריין,
און אין אויסבעט פון די שאָטנס, וואו די ספרי־תורות רוען,
פלאַמט אַ ליכטל אויף אַ קליינס און צעשפרייט אַ געלן שיין,
פלאַמט אַ ליכטל אויף אַ קליינס
נעבן בעכער פול מיט בלוט,
ציטערט אין זיין רויטן שפיגל,
אויף אַ רגע נישט גערוט;

ציטערט, ציטערט, ציטערט, ציטערט...
און פון בימה הייבט זיך אויף,
ווי אַ זייל, אַ איד אַנ׳אַלטער,
און צום אָרון שטייגט ער אויף; —
ד׳באָרד, ווי זילבער ווייס און זויבער,
ווי אַ שטראַל איז יעדער האָר,
און די אויגן פול מיט צויבער,
און דער שטערן הויך און קלאָר;
איינגעוויקלט אין אַ קיטל,
מיט אַ פּעלגורט אויף די לענדן...
אָ, דאָס איז דער אַלטער נביא
פון די הייליגע לעגענדן...
אָטאָ נעמט ער אָן דעם בעכער,
הייבט אים העכער, העכער, העכער...
מאַכט אַ ברכה אויף דאָס בלוט...
און דאָס בלוט הייבט אָן צו זידן...
ווערט אין קלאָרן וויין פאַרביטן,
און דער וויין הייבט אָן צו פינקלען
אין פאַרשיידענע קאָליאָרן,
און ווי דורך אַ בליץ דערשלאָגן,
פאַלט דער אורח קעגן אָרון,
און דער גאַנצער צויבער, פּלוצלינג,
ווערט אין שיין פון ליכט פאַרלאָרן.

* *
*

מענטשן פיר... אַ טראָגבעטל אַ שוואַרצעס,
אויף אים אַ מת פאַרוויקלט אין אַ טוך...
אַ נאַכט פון אומרו אָטעמט אויפ׳ן שולהויף,
עס ציט דעם אָטעם עמיץ שווער אין אים.
עס טראָגט זיך דורך אַ פלוך. —
דער קלויסטער, וואָס נישט ווייט, הייבט לאַנגזאַם אָן צו קלינגען.
דאָס טראָגבעטל גייט אָפּ און נעענט זיך צו אים.
עס מאַכט זיך אויף אַ טיר, עס צינדט זיך אָן אַ פענסטער,
אַנטקעגן עפנט זיך אַ צווייטע טיר געהיים.
עס פרעגט אַ שטים:
— דאָס האָט מען אים געטראָגן?...
עס ענטפערט ווער: „פאַרשאָלטן זאָל ער זיין״!...

## דריי רויטע ליליעס

טירן רירן זיך און קלאַפּן...
עמיץ הויבט אַרויף דעם פּאָרהאַנג...
שטילע קלאַנגען פון אַ ציטר,
טריט און לייכטער זייד באַרירונג...
ס'ליגט און הערט דער יונגער ריטער,
ציילט די טריט מיט שטילן ציטער...
— העי, איר, היטער, צינדט אָן פאַקלען! —
האָט ער פּלוצלינג אויסגערופן:
— הער איך גייסטער אין מיין פּאַלאַץ,
אָדער איז דאָס אַ פאַרפירונג? —

איינזאַם האָט דעם ריטערס שטימע
דורכגעקלונגען אַלע זאַלן.
און די טריט — זיי זיינען נענטער,

לייכטער, ריטמישער געוואָרן.
— ווער באַווענט זיך ? — האָט דער ריטער
נאָך אַמאָל געפרעגט מיט צאָרן:
— ווער באַווענט זיך ? —
און זיין שטימע
איז אין פינסטערניש פאַרלאָרן.
— איך, — האָט עמיץ אים געענטפערט
און באַרירט זיין קאַלטן שטערן.
— איך, דיין כלה פון ווארמייזע,
פון דיין שווערד און קרייץ גענומען.
פילסט ? אָט פליסט מיין וואַרם בלוט נאָך
און אָט רינען מיינע טרערן;
פון דעם אידישן בית עולם
בין איך איצט צו דיר געקומען.
שרעק זיך נישט, מיין ליבער חתן
זעסט, אָט האָב איך פון די טויטע
פאַר דער הייליגער מאַדאָנאַ
בלומען דריי געבראַכט דיר רויטע.
זעסט ? — און שטראַלן בלאַסע, קאַלטע
האָבן פלוצלינג זיך צעגאָסן,
און אין זיי האָט שטיל געשוואומען
אַ געשטאַלט, די האָר צעפלאָסן.
— זאָג, דערקענסט מיך ? —
און מיט שוידער האָט דער ריטער
זיינע אויגן אויפגעריסן

און דערקענט... און פול מיט אימה
איינגעגראָבן זיך אין קיסן.

יאָ, דאָס איז די אידיש׳ טאָכטער...
יאָ, דאָס איז די אידיש׳ טאָכטער,
וואָס ער האָט אין שטאָדט ווארמייזע
פון דער חתונה געפאַנגן,
פאַר דער חופה און קדושין
זי געשענדעט און דערשטאָכן,
און דערנאָך אויף חופה שטאַנגען
איר געליבטן אויפגעהאַנגען.
יאָ, דאָס איז זי, יאָ דאָס איז זי...
אירע האָר און אירע אויגן,
אין דער ברוסט אַ וואונד אַ טיפע
און דעם קינדיש קאָפּ געבויגן.
אָטאָ שוועבט זי... קומט אַלץ נענטער
צו דעם ווינקל פונ׳ם צימער,
צו דער בילד פון דער מאַדאָנע,
וועלכע זיצט אין טיפן קימער
מיט דריי ווייסע צאַרטע ליליעס
אין אַ הייליגליכן שימער.

יאָ, דאָס איז זי, יאָ, דאָס איז זי...
און עס זעט דער יונגער ריטער,
ווי די הייליגע מאַדאָנע

ציט איר האַנט אויס מיט אַ ציטער,
גיט דעם מיידל אָפּ די ליליען,
נעמט בײַ איר דרײַ בלומען רויטע,
וואָס זיי לייכטן אין דער פינסטער
מיט אַ בלאַסע ליכט אַ טויטע.
יאָ, דאָס איז זי...
און אויף מאָרגן,
ווען די זון איז אויפגעגאַנגען,
האָט מיט שרעק דערזען דער ריטער,
ווען ער האָט גענומען קניען,
אין דער האַנט פון זיין מאַדאָנע
דרײַ בלוט רויטע ליליעס גליען.

# די אַנטלאָפענע כּלה

רואיג איז אין פּאַקט און ליכטיג.
אין דער גרויסער שטוב איז ציכטיג,
געלער זאַמד איז אויפ'ן באָדן
און די טישן פול באַלאָדן
שטייען מיט די בעסטע עסענס:
ווייסע חלות, פלעשער ווייגען,
שיסלען פיש און הינער פעטע,
און די ליכט ווי שטערן שייגען.
נאָר מען זעט קיין געסט נישט דאָרטן.
רואיג בלאָזט דער ווינט פון גאָרטן,
ווינט די פאָרהאַנגען די ווייסע,
טראָגט אַריין ווי ווייטע קלאַנגען,
גלייך אַ קלאָגן, גלייך אַ שאַלן,
גלייך אַן'עולם וואָלט געשריען:
אָי, די כּלה איז פאַרפאַלן!

אין אַ ווינקל שטייט דער חתן,
האַלט אין האַנט זיין ליכט פאַרלאָשן;

בלאַס און איידל קוקט זיין פּנים
דורך די שוואַרץ געקרויזטע פּאות;
טיף צום ברוסט דעם קאָפּ געבויגן,
מיט אַ שרעק אין זיינע אויגן,
שטייט ער אינ׳ם ווינקל חדר,
און די אַטלעסענע קליידער
גיבן איבער שטיל דעם שוידער
פון זיין שלאַנקן דאַרן קערפּער,
וועלכער ציטערט ביי די שאלן:
„אָי, די כּלה איז פאַרפאַלן״.

איינער איז ער דאָ געבליבן,
אין אַ ווינקל ווי פאַרטריבן.
אַלע זיינען וואו פאַרשוואונדן,
גלייך אַ ווינט וואָלט זיי צעטראָגן —
ווער אין הויף און ווער אין שטעטל,
ווער צום רב און ווער צום פּריץ,
ווער עס האָט געלאָזט זיך יאָגן
צו דעם וואַלד מיט ווילדן קלאָגן,
מיט געשרייען און מיט שאלן:
— גוואַלד, די כּלה איז פאַרפאַלן!

לאַנגזאַם ציען זיך די שאָטן
פון די טונקעלע קאַשטאַניען,
און מיט זיי צוזאַמען קומען

אַלע נעסט און מחותנים.
— זאָגט פון וואַנען? זאָגט פון וואַנען? —
פרעגט זיך איינער בײַ דעם צווייטן.
— איך פון שטעטל — איך פון פריץ —
— און איך קום פון וועג פון ברייטן,
אומעטום געזוכט, געפרעגט זיך
און קיין איינציג׳ שפור געפונען.
— און דער פריץ? — זיין בן יחיד
איז אויך היינט פון הויף אַנטרונען,
אויף דעם ווייסן פערד אַנטאָלפן
איז ער גלייך מיטן באַגינען.
— און דער פריץ?... — שמייכלט רואיג,
זאָגט, ער וועט אים שוין געפינען.

שטיל פאַרצווייפלט שטייען אַלע.
ס׳קלאָגט די מאַמע פון דער כּלה
און דער טאַטע רייסט זיך קריעה.
מ׳שפּאַנט די פערד שוין איין אין וואָגן,
ס׳לייגט דער שמש אויף די חופּה
און דער חתן ווי דערשלאָגן
שלייכט מיט מידע טריט צום וואָגן.
טויט פאַרגליווערט איז זיין פּנים,
ס׳רינגלען אים די מחותנים,
ס׳קנאַקט די בייטש, עס רוישן רעדער,
ס׳יאָגט אַ שטויב. און פון די סעדער,

וואָס רינגעלט אום דעם פּאַקט, טוט שאַלן
און יאָמערן אַ פרויען שטימע:
— אָי די כּלה איז פאַרפאַלן! —

די נאַכט פאַלט צו מיט קילע טויען;
פון וואַלד גייט אויף אַ האַלבּ׳ לבנה;
ס׳בלייכן שטיל די ברייטע שטרעקעס
פאַרהילט אין טונקל גרינע דעקעס.
די פערד — זיי שלעפן זיך פאַרשלאָפן,
עס דרעמלען אַלע מחותּנים.
דער חתן זיצט — די אויגן אָפן,
מיט טרערן איינזאַמע פאַרלאָפן;
עס חלומט זיך אים אַלץ די כּלה:
צוויי שוואַרצע צעפּ און פייער־אויגן
און איבער זיי אַ קלאָרער שטערן,
געשטיצט אויף שוואַרצע ברעמען־בויגן;
די ווינקלען נאָז צונויפגעבלאָזן,
דעם שלאַנקן קאָפּ אַראָפּגעלאָזן
מיט עפּעס אַ געהיימען שמייכל,
באַהאַלטן אין די פולע ליפּן,
וואָס קאָנען היים און זינדיג קושן
און הייליג פליסטערן אין היכל.
— מיין זינדיג — הייליגע, געטרייע...
און פלוצלינג... שאַ.. צוויי רייטער פרייע

דעם וואָגן יאָגן נאָך פון הינטן.
עס הילכט דאָס וועלדל זיי ענטקעגן,
עס בוינט דער גראָז זיך אויף ביי די ברעגן,
גלייך ווי עס וואָלטן זיך געטראָגן
צוויי לייכטע ווינטן אויף די וועגן
— ווער איז דאָס, ווער ? אָ, נאָט אין הימל ! —
דער חתן כאַפּט זיך אויף פון דרימל
און זעט פאַר זיך צוויי שלאַנקע רייטער
דער ערשטער איז דער יונגער פּריץ
און גלייך לעם אים אַ ביסל ווייטער
אַ שלאַנקע פרוי... אַ בליק... אַ שמייכל...
— אָ, נאָט דאָס איז, דאָס איז מיין כלה !... —
עס שפּרינגען אויף פון וואָגן אַלע.
אַ ווילדער קרעכץ... אַ פרעך געלעכטער...
— פאַרפלוכטע פון ישראל׳ס טעכטער,
אַ קללה דיר פון אַלע אידן !
— דאָברא נאָץ, זשידזשי !
— גריסט דער מאַמען !...
און פּלוצלינג אויפגעמישט צוזאַמען
האָט זיך אַ לאַכן און אַ קלאָגן
און נאָכדעם שטיל פאַרשטומט געוואָרן.
נאָר מער נישט פון דעם חתנס וואָגן
האָט זיך אַ שטימע נאָך געטראָגן,
געווינט זיך אין די בלאַסע שטראַלן
— אָ, נאָט, מיין כלה איז פאַרפאַלן !...

## צו באַדעקנס

צוויי שוואַרצע צעפּ פון צאַרטן זייד,
צוויי שוואַרצע צעפּ פון צאַרטן זייד,
פאַרפלאָכטן איז מיין גליק אין זיי;
דו ווילסט מיין טויט, טאָ נעם און שנייד.
צוויי שוואַרצע צעפּ פון צאַרטן זייד.
א, מאַמעשי, צו פילסטו דען מיין וויי? —
עס שניידט די קאַלטע שער און שניידט,
דער כלה'ס פנים בלייכט ווי קרייד,
זי בייסט די ליפּ ביז בלוט —
— א, מאַמעשי, רחמנות האָב;
דו שנייד דעם קאָפּ מיר בעסער אָפּ,
דאַן וועט מיר גוט זיין, גוט.

קאַפּעליע שפּילט... עס קומט דער רב:
— נו מזל טוב, נו מזל טוב,

דער כּלה׳שי באַדעקן —
עס זומט אַנ׳אומעדיגער שפּיל,
די כּלה זיצט און שוידערט שטיל,
גלייך ווי עס וואָלט איר שרעקן.

— זיי גרייט, מיין טאָכטערשי, זיי גרייט. —
— אַ מאַמעשי, איך פּיל דעם טויט ;
ער וועט מיר היינט בעפרייען.
ציגד אָן לעם מיר אַיאָרצייטליכט
און דעק נישט אָפּ מיין בלאַס געזיכט,
און זאָג נישט אויס מיין טרייען.
געדענק, אויב מאָרגן קומט צו דיר
מיין ליבסטער און ער פרעגט אויף מיר,
דאַן זאָג איך בין אַ ווייבל,
איך בין דעם רב׳ס אַ שנור און האָב
אַ הוילע קאָפּ, אַ הוילע קאָפּ
און טראָג אַ ווייסע הייבל

דער חתן גייט, דער חתן גייט,
די מאַמע שווייגט, די מאַמע שטייט
און ציטערט ווי אין פיבער.
זי ווייסט דעם טאָכטערס צער, זי ווייסט ;
איר מוטערס האַרץ האָט נאָר איין טרייסט —
עס וועט ווי איר פאַריבער.

## די קעניגין מרים

עם בלייכן ביים ווייכן געשימער פון שטערן
די מירמעלנע ווילן פון הורדוס פּאַלאַצן.
עס שלאָפן די טורעמס עס לאָזט זיך נישט הערן
קיין קול פון טראָמפּייטן, קיין אָפּהילך פון טאַטצן.

די פּאַלמען — זיי שטייען פאַרגליווערט און שלאַנקע.
די בלומען — זיי שלאָפן מיט בעכערס פאַרמאַכטע.
די ליליען — זיי וויגן זיך לאַנגזאַם, ווי קראַנקע
און דורשטן נאָך טויען מיט שטיינגלעך פאַרשמאַכטע.

פאַרשטומט איז די נאַכט אין אַ שלאָף אין אַ הייסן.
עס הערט זיך קיין ריר. נאָר פון קיניגס טעראַסע
צעטראָגן זיך האַסטיגע טריט און צעשפּרייטן
אַנ'אומרו צווישן די ווילן, די בלאַסע.

עס ווייזט זיך אַ שאָטן מיט פלאַמיגע אויגן.
עס שוועבט פאַר די ויילן דער מאַנטל פון קיניג.
עס סודעט איין שומר דעם צווייטן: „גיב אַכטונג,
דער קיניג איז ווידער איר גייסט אומטערטעניג" . . .

— „גיב אַכטונג" ! און פלוצלינג צעשניטן די לופט האָט
אַ שטימע פול ליידן, פול אַנגסטן, פול שרעקן:
— מיין מרים, מיין מרים, מיין מרים, וואו ביזטו?
העי, שומרים, גייט גיכער די קיניגן וועקן!

גייט גיכער, גייט גיכער אין שלאָפצימער רופט זי
און נאַרט נאָך איר קיניג און וואַרט אויף זיין קומען.
גרייט גיכער די טישן, פילט אָנעט די קרוגן,
צעשפרייט אויפן באָדן די דופטינגסטע בלומען!"

מיין מרים! . . . און אויפגעכאַפט האָט זיך דער פאַלאַץ,
מיט פאַקלען פאַרפולט איז דער גאָרטן געוואָרן.
„מיין מרים" געהילכט האָט אין יעטווידער ווינקל,
און וויים אין דער נאַכט מיט'ן עכאָ פאַרלאָרן.

— מיין מרים! מיין מרים! . . .
אומזיסט אָבער האָבן די דינער געשריען,
אומזיסט האָט דער קיניג געוואַרט אויף די שטופן
פון מירמל טעראַסע און פול מיט חרטה:
— מיין מרים! מיין מרים! מיין מרים! — גערופן.

די פּאַלמע נאָר האָט אים געענטפערט: — מיין מהים! —
און ס'האָבן געקלאָגט זיך אין גאָרטן די קוואַלן.
מיין מרים! געזיפצט האָבן פּאַר זיך די ליליען
און לאַנגזאַם געשמאַכט אין די בלויליכע שטראַלן.

## די פוסטע וויגעלע

אַליע ליוליע ווינעלע,
פוסטע וויסטע וויגעלע...
ווי איז צו דער מאַמען!
געשאָכטן ליגט דאָס ציגעלע
אונטער מיין קינדס וויגעלע
מיט'ן קינד צוזאַמען.

אַליע ליוליע וויגעלע...
אין דער פוסטער וויגעלע
ליגט אַ בלאַנקער מעסער...
וויג איך שטיל דעם שטאָל און וויין:
וואָלט מיין בויך געהאַט אַ שטיין,
וואָלט עס געווען בעסער!

אַליע ליוליע ווינעלע...
אונטער מיין קינדס ווינעלע
שטייט אַ וואָלף מיט ציינער, —
קלאַפּט ער ווילד מיט זיי אַ גרויל,
רינט דאָס בלוט אים פונם מויל
און עס העלפט ניט קיינער.

אַליע ליוליע, גרויער וואָלף,
האָסט פאַרציקט מיין עופעלע,
צוק שוין אויך דער מאַמען.
לאָז מיך מיט מיין ציגעלע
אונטער מיין קינדס ווינעלע
בלוטיגן צוזאַמען.

# VI

## אַ וויגליד

אַליע־ליוליע, אַליע־ליוליע —
שלאָף, מיין טייערער, און רו ;
וואויל איז דעם, וואָס האָט אַ מאַמען
און אַ ווינעלע דערצו.

אַלעס קאָן מען נאָך געפינען,
אַלעס קריגט מען דאָך פאַר געלט;
נאָר אַ מאַמע — זי איז איינע,
מער נישט איינע אויף דער וועלט.

דאָס איז דאָך אַ גאָטס מתּנה,
וועמען עס איז נאָר באַשערט.
ווי איז דעם, וואָס האָט קיין מאַמען
אויף דער גרויסער ווּיסטער ערד! ...

אליע-ליוליע, אליע-ליוליע —
ווי דער צער זאָל זיין נישט גרויס,
תמיד קאָן מען אים פאַרווינגן
אין דער מאַמעס שטילן שוים.

אליע-ליוליע, אליע-ליוליע —
ווי די זינד זאָל זיין נישט שווער,
אָפּוואַשן וועט תמיד קענען
זי דער מאַמעס ריינער טרער.

שלאָף, מיין טייערער, מיין ליבער,
מאַך די אויגן צו און רו !...
וואויל איז דעם, וואָס האָט אַ מאַמען
אליע-ליוליע-ליוליע-ליו....

## איינזאַמע

איינזאַמע!
ווער וועט זיך טיילן מיט אונזערע ליידן,
ווער?
דערטרונקען אין פינסטערע נעכט וועלן ווערן
די בענקנדע טענער פון אונזערע לידער,
און קיינער נישט,
קיינער,
וועט לאָזן אַ טרער...
אַ מיידל וועט אפשר אַמאָל אונז פאַרנעמען
און ס׳וועט איר פון מיטלייד אין האַרצן פאַרקלעמען,
אַ פריינט וועט אַמאָל, אפשר, זיפצן באַהאַלטן,
אַ קרוב וועט שענקען אַ טרייסטוואָרט אַ קאַלטן, —
נור קיינער נישט,
קיינער,
וועט פילן דעם צער...

איינזאַמע וועלן מיר בלאָנדזשען און בלאָנדזשען
און זוכן, נישט וויסנדיק וואָס.
נור וואויל איז צו די, וועלכע וועלן געפינען
אַ סטעזשקע אָהן דערנער, וואו רואיג צו בלאָנדזשען,
אַ הייזל אַ שטילעס, וואו טרוימען צו שפּינען,
אַ זאַמד, צו דערשלינגען די טרערן, וואָס רינען, —
וואויל איז צו די אויף דער וועלט!

* * *

יעדער מענטש האָט דאָך אין הימל זיין שטערן,
יעדן איז אונטן זיין ווינקל באַשערט —
פאַלן צו שאָטנס, דאַן טרייסט אים דער הימל.
ציען זיך וואָלקנס — פאַרוויגט אים די ערד.

בלאָנדזשעט ער — פרעגט ער דעם וועג ביי די שטערן;
ווערט ער פאַרמאַטערט, דאַן זוכט ער זיין ווינקל,
מער נישט איך איינער האָב ביידן פאַרלאָרן,
ביידע באַשיצער פון מענטשלעכן גליק.

אומזיסט הייב איך אויף מיינע אויגן צום הימל,
אומזיסט זוך איך רו אינ׳ם בלעטערגעדרויש —
אייביק וועט בלייבן מיין אויג אָהן אַ שטערן,
אייביק וועט בלייבן מיין קאָפּ אָהן אַ שויס.

## צוקונפט

אַנ׳ענדלאָזער מדבר. אַ זאַמדיגע וויסטע
מיט אָפענע קברים אַרום און אַרום,
און איינזאַם דאָרט שפּרייז איך באַגלייט פון צוויי גרעבער,
וואָס טראָגן אַ מיטה פאַרגליווערט און שטום.

און וואו נאָר איך קער זיך, דאָרט גייען די גרעבער
מיט קאַלטע, מיט שיקזאַל־פאַרשטיינערטע טריט.
און ווערט מיר אין האַרץ עפּעס ליכטיגס געבוירן, —
גלייך בלייבן זיי שטיין לעם אַ קבר דערמיט.

באַוויייזט זיך וואו ערגעץ צווישן די וואָלקן
אין הימל אַ שטערן און ווינקט מיר געשווינד, —
גלייך שטעלן די גרעבערס זיך אָפּ לעם אַ קבר
און לאָזן אַראָפּ אין אים לאַנגזאַם אַ קינד...

און צערטלט מיין פּנים מיט דופטיגע פינגער
פון ערגעץ אַ וואַרעם פאַרבלאָנדזשעטער ווינט, —
גלייך שטעלן די גרעבערס זיך אָפּ לעם אַ קבר
און לאָזן אַראָפּ אין אים לאַנגזאַם אַ קינד...

דערגרייכט ווען מיין אויער אַ יונגער געלעכטער
און ווינט איין מיין איינזאַמקייט ליבליך און לינד, —
גלייך שטעלן די טרעגערס זיך אָפּ לעם אַ קבר
און לאָזן אַראָפּ אין אים לאַנגזאַם אַ קינד...

אַן־ענדלאָזער מדבר. אַ זאַמדיגע וויסטע
מיט אָפענע קברים אַרום און אַרום
און איינזאַם דאָרט שפּרייז איך, באַגלייט פון צוויי גרעבער,
וואָס טראָגן אַ מיטה פאַרגליווערט און שטום.

## און גרויס איז דער מדבר

און גרויס איז דער מדבר, אין וועלכן איך וואַנדער...
דאָס ווינטל פאַרווייהט מיינע עלנטע טריט.
אַך, ווינטל, דו ווינטל, פאַרווייה נישט די צייכן,
די צייכן, וואָס ווייזן, אַז איך האָב געלעבט...

און ברייט איז דער מדבר, נאָר ענג איז אין האַרצן,
און אָפטמאָל פון ענגשאַפט שטיל קאַפּעט אַ טרער...
אַך, זעמדלעך, איר זעמדלעך, נישט שלינגט איין די טרערן —
די צייכן וואָס ווייזן, אַז איך האָב געבענקט.

הויך, אויבן צעשפּרייט זיך אַ פינסטערער הימל...
איך פיל, ווי עס רוקט זיך אַלץ נענטער דער טויט.
פאַרשיט מיך, דו ווינטל, אַך שלינגט מיך איין, זעמדלעך,
זאָל קיינער נישט וויסן דעם סוף פון מיין וועג...

## עס ווערן געבאָרן חלומות ...

עס ווערן געבוירן חלומות און שטאַרבן,
ווי בלומען אין מיטן דעם בליען,
וואָס ווערן געריסן אין פרילינגס־יום־טובים
אויף קראַנצן
פאַר העלדן פאַר שיינע וואַקכאַנקעס
צו צירן אין זייערע פרייליכע טאַנצן.

עס ווערן געבוירן חלומות און שטראַבן,
ווי זאַנגען אויף גאָלדענע צייטיגע פעלדער,
וואָס פאַלן אין גלאַנץ פון דער שטאָלענער קאָסע,
און נאָכדעם, געבונדן אין גאָלדענע גאַרבן,
צעפירט מיט זיי פרייליך מיט לידער אין שייער.
פאַרהאַנגען אויך טרוימען, וואָס ווערן פאַרגליווערט
אין שטיינערנע בילדער, אין פאַרבן אויף לייוונט,

אין ביכער פאַרשטויבטע, אין שיינע געביידן, —
זיי בלייבן, ווי שטילע און שטומע מצבות
אויף קברים פון אַלטע פאַרגעסענע טרוימער,
וואו ס׳בליען שוין אַנדערע פאַרבינע בלומען
און ס׳פאַלן די שאָטנס פון אַנדערע בוימער.

נור ווי איז צו די, וועלכע ווערן געבוירן,
ווי שפעטיגע בלומען אין קויטיגע האַרבסטן;
וואָס שטייען געבוינן אין קעלט און אין טרויער
און ווערן מיט בלאָטיגע טראָפּנס פאַרגאָסן.
אַ פוס אַ פאַרשמרצטער וועט גלייכגילטיג קומען
און וועט זיי צעטרעטן, די ליכטיגע טרוימען,
דערשטיקן זיי רואיג און שטיל, ווי עס ווערן
דערשטיקט די נשמות פון יונגינקע פרויען
אין די אָרעמס פון מאַנען — פאַרוועלקטע און אַלטע,
ווי זייערע ריינע פאַנטאַזיעס פון יוגנט —
אין קושן פון שמוציגע וועלקנדע ליפּן,
אַזוי ווי אַ שיינע פאַרמשפּטע געטין,
וואָס מוז צו די נאָך בליענדע בריסטן
טוליען מיט עקל אַ קויטיגן שאַרבן.
עס ווערן געבוירן חלומות און שטאַרבן...

# אין דער פרעמד

אַלץ איז מיר פרעמד, אַלץ איז מיר ווייט,
נישטאָ קיין אָרט, וואו בלייבן דאָ,
עס שיינט די זון, דער הימל בלאָ,
נור מיר גייט יעדער שטראַל פאַרביי...
אַלץ איז מיר פרעמד, אַלץ איז מיר ווייט.

די זון פאַרגייט
און פלאַקערט שטיל אין מערב־זייט,
איך שטיי און זע, ווי פיין זי גליט
און גייט אַוועק...
און פול מיט בענקשאַפט און מיט שרעק
צעשפרייט איך מיינע הענט צו איר
און בעט זיך שטיל: אַך, נעם מיך מיט!
דאָ איז מיר פרעמד און אַלץ איז ווייט.

פֿאַרגאַנגען איז די זון
און טיף אין הימל גייט אַ פֿאַרבנשפּיל.
עס בלאָזט דער ווינט און פֿליט אַוועק,
און כ׳בעט אים שטיל:
אָ, נעם מיך מיט!

געקומען איז די נאַכט.
עס רירט זיך נישט
קיין איינציק בלעטל פֿון קיין בוים.
דאָס טייכל מורמלט נור געהיים
און שווימט אַוועק...
און כ׳בעט עס שטיל: אָ, נעם מיך מיט!
אָ, נעם מיך מיט!

# איינגעהילט אין מיין קלייד

איינגעהילט אין מיין קלייד,
גיי איך, שווייגנדיג, פאַרבײַ
אין — מיין איינזאַמקייט — איינער.
נישט איך הער אייער לויב,
נישט מיך אַרט אייער שפּאָט, —
ווי אַ שטויב פאַר מיין טראָט,
פאַלן בלומען,
פאַלן צאָרניגע שטיינער.

גלייך אַ שטערן, וואָס פאַלט,
לעשט זיך אויסעט דער רוים
אין דער נאַכט פון מיין סוד,
וועלכער לוגט אין מיר שטום,
ווי אַ חיה פאַרשטעקט.

אונבעגרייפליך ווי גאָט,
ווי אַנ'אוראַלטער וואַלד
אַזוי ווילד און פאַרצווייגט,
וואו די בענקעניש לעכצט
און די איינזאַמקייט שווייגט.

און צעזינגט זיך מיין ליד,
און צעוויינט זיך מיין האַרץ,
און צעוויגט זיך מיין וואָרט —
איז עס גלייך, ווי אַ רוף
פון מיין טונקעלן וואַלד,
ווי אין ווייטקייט אַ בריוו
אָהן אַ נאָמען און אָרט;
ווי אין מדבר אַ ברום,
וואָס פאַרשווינדט אין פאַרשאַלט
ווי אַ שיין אין דער נאַכט,
וואָס פאַרגייט און פאַרשטראַלט.

איינגעהילט אין מיין קלייד,
גיי איך, שווייגנדיג, פאַרביי
אין מיין איינזאַמקייט — איינער.
נישט איך הער אייער לויב,
נישט מיך אַרט אייער שפּאָט, —
ווי אַ שטויב פאַר מיין טראָט
פאַלן בלומען, פאַלן צאָרנינע שטיינער.

## איינזאַמקייט

ווער ציט מיר דען זיין אָרים אויס
מיט זון אין בליק ?
ווער שליסט מיר אויפן שוואַרצן תהום
אַ גאָלדן בריק ?
ווער האָט מיט מיר אין שטומער נאַכט
אַ וואָרט גערעט ?
און ווער דערמאָנט מיין נאָמען שטיל
אין זיין געבעט ?
די טירן שטייען אַלע פעסט פאַרמאַכט.
דער שלאָפלאָזער וואַכט אָפּ אַליין זיין נאַכט.
דער קראַנקער ליגט אַליין געשמידט צום בעט.
און יעדער מורמלט פאַר זיך זיין געבעט.
אָ, טריט געטראָטענע אין זאַמד פון וויטן וועג !...
אָ, טריט פאַרשאָטענע אין וויסטער איינזאַמקייט !...

אויף אַלע גרינע בוימער זינגען
פויגל פיל.
אין יעדער שפּאַלט און שפּעלטל גרילט
פאַר זיך אַ גריל.
פאַרבענקטע שטימען רופן, שרייען
אָהן אַ צאָל,
נאָר קיינער האָט קיין ענטפער
אויף זיין קול.
דער טויבער הערט זיין איינן שווייגן שטום.
דער בלינדער זעט זיין שוואַרצע נאַכט אַרום.
און יעדער איינציגער זיין שטערנדל פאַרמאָגט,
און יעדן איינציגן זיין טיפער טרויער נאָגט.
אָי, טרערן מענשליכע אין אָבגרונט פון דער צייט!...
אָ, בערגלעך זאַמדיגע אין וויסטער איינזאַמקייט!

מיר אַלע וואַנדערן ביינאַנד
אין כישוף לאַנד,
צווישן יעדן שטייט אַ קאַלט
קרישטאָלן וואַנט,
אומזיסט דאָס שרייען, רופן, ברעכן
מיט געוואַלד, —
די טויבע וואַנט בלייבט אייביג
דורכזיכטיג און קאַלט.
דער הימל אויבן איז נאָר אָפן ווייט,
און אונטער אים אין טיפער איינזאַמקייט

ליגט יעדערן זיין טונקעלער וועג צעשפּרייט, —
דער בעטלער שרייט,
דער קיניג שווייגט און גייט...

# ערינערונגען

בלייב שטיין און רו —, מיט וואונדערליכע פינגער
באַרירט מיך ווער ביים אַקסל און איך שטיי.
די שווערע לאַסט ווערט אומבאַגרייפליך גרינגער
און זיסער ווערט דער אַלטער טיפער וויי.
אַ פאַרבן רייכער שמעטערלינגען קראַנץ
האָט מיך אַרומגערינגלט אין אַ טאַנץ.

— נעם אויף די געסט פון וואונדערלאַנד געקומען,
וואָס נאָר דער טרוים געפינט אַהין זיין שטעג, —
דאָס זיינען יענע נאָענטס געבענשטע בלומען,
וואָס ס'האָט פאַרזייט די ליבע אויף דיין וועג.
אין גליק געבליט פאַרוועלקט אין זאָרג אין גראָען,
ערשיינען זיי אין בענקענדיגע שעה'ען.

אַ דופטיג הויך פון פריש באַטויטע פליטער
האָט פלוצלינג מיך ווי גלעטענדיג באַרירט,
גלייך עמיץ וואָלט מיט אַ פאַרליבטן ציטער
די צאַרטע האַנט אויף מיין געזיכט געפירט.
און אויף דער צויבער פלייטע פון מיין פילן
האָט שטיל די האָפענונג גענומען שפילן.

און אַלע גוטע ליבעסנעכט פון נעכטן
געקומען זיינען, טאַנצנדיג, פאַר מיר,
ווי שלאַנקע שיינע יונגפרויען, וואָס פלעכטן
אַ חופה קראַנץ פאַר אַ פאַרליבטנס טיר
פון אַלע שמייכלען, בליקן, קושן, טרערן,
באַהאַנגען מיט די גרעסטע פרילינגס שטערן.

אָ, יענע גרויסע שטערן פון דערוואַכונג,
ווען ס'שווייגט דער וואַלד, די קוואַלן מורמלען נאָר,
ווען ס'שטראָמט דער נייער פרילינג אין די צווייגן,
צעפלעכטענדיג דער כלה'ס יונגע האָר,
ווען פון די צניעות'דיג בלאָע שאָטן
קוקט דורך דאָס גליק, וואָס איז געווען פאַרבאָטן.

אַ שיין דרינגט דורך. איך נידער אויף די קניען,
שפרייט אויס די הענט פאַר דעם געגאַרטן גליק, —
דאָס איז די פרוי, די ווייסע גלידער גליען, —
דאָך פלוצלינג שטויסט מיך עמיצער צוריק.

די פּלייטע שווייגט, די שמעטערלינגען פֿאַלן
און ווערן ווי צערונען אין די שטראַלן.

— „בלייב שטיין און רו" — מיט וואונדערליכע פינגער
האָט עמיץ מיר ביים אַקסל ווי באַרירט.
— בלייב שטיין און רו, דו שווער געפּרובטער זינגער,
דיין צויבער פּלייטע האָט דיך ניט פֿאַרפירט.
דער וועג צום לאַנד, וואו אַליץ נעמט ווידער גרינען,
קאָן נאָר דער טרוים אין איינזאַמקייט געפינען.

## פאַרגיב זיי יאָ, פאַרגיב זיי ניט

פאַרגיב זיי יאָ, פאַרגיב זיי ניט, —
זיי טראָגן גלייך מיט דיר דעם יאָך
און שלעפּן זיך, ווי דו, געשמידט,
דורך אַלע זיבן טעג פון וואָך.

ביי זייער וויג האָט אויך געבליט
דער ראָזינקעס און מאַנדלבוים,
און פאַלן זיי פון אַרבייט מיד —
דאַן רוישט ער נאָך אין זייער טרוים.

ער רוישט און שמעקט מיט שבת אויבסט,
אַ יעדער צווייג אין רו־ליכט גליט, —
דאָרט זיצט די גאָלדנע פּאַווע שטיל,
די גאָלדנע פּאַווע פון דיין ליד.

זיי רוען דאַן, ווי דו, אין ליכט
און בענקען גלייך, ווי דו, נאָך גליק,
און וואַכן זיי פון שלומער אויף —
איז קינדיש לויטער זייער בליק.

און די וואָס לויערן ביי נאַכט
און שמירן איין אין בלוט דאָס האַנט,
און די ,וואָס האַנדלען מיט'ן לייב
און באָדן זיך אין שוואַרצן שאַנד;
און די, וואָס גייען דיר פאַרביי
און הויבן ניט די ברעמען אויף,
און די ,וואָס קריכן אויף די קני
און בעטלען הויך אויף יעדן הויף, —

זיי קומען פון דיין טרוימען לאַנד,
זיי שטאַמען פון דיין טרוימען שטאָדט,
און פאַלן זיי אין שטויב פון טאָג —
דאַן רופן זיי צום זעלבן גאָט.

# איך בײַט די װאױנונגען

איך בײַט די װאױנונגען און בײַט די ערטער
און װאַנדער, האָפֿנדיק פֿון לאַנד צו לאַנד,
אַז טרעפֿן װעל איך נאָך אַמאָל מײַן יוגנט
און שטאַרבן, קושנדיק איר צאַרטע האַנט.

עס שװימען טױזנטער פֿאַר מיר געזיכטער
אין גרױסן שטורמדיקן מענטשנטאַנץ,
די שטילע האָפֿענונג — זי מאַכט מיך ניכטער,
די טיפֿע רױיקײט — זי מאַכט מיך גאַנץ.

עס ליגט די אײביקײט בײַ מיר אין האַרצן
און װעבט די פֿעדעם פֿון מײַן אַלטן טרױם,
און טרײסט און װינקט־צו מיר מיט שטערן װײַטע
פֿון טיפֿן נעפּלדיקן לעבנסתּהום.

איך ווייס, עס דרעמלען נאָך אין זיינע געפלען
די גרינע אינזלען פונ׳ם וויטן גליק,
און ס׳לעבט אַנ׳אויסלייזער פאַר אַלע מענטשן,
וואָס ווער נאָך אומקערן מיין פרייד צוריק.

איך בייט די וואוינונגען און בייט די ערטער,
און וואַנדער, האָפנדיג פון לאַנד צו לאַנד,
אַז טרעפן וועל איך נאָך אַמאָל מיין יוגנט
און שטאַרבן, קושנדיג איר צאַרטע האַנט.

## בטחון

אַ שטילע נאַכט,
אַ שטערן פאַלט
פון הימל טיף
און ווערט נישט באַלד...
איך הייב מיין אויג
און נייג מיין קאָפּ;
מיין היטער וואַכט
און היט מיך אָפּ;
מיין היטער וואַכט,
מיין היטער וואַכט
און שיקט זיין גרוס
מיר דורך דער נאַכט.

דער וועג איז ווייט

און איך בין מיד;
די שטילע נאַכט,
זי זינגט איר ליד:
פאַרטרוי דיין קאָפּ
מיין שטילן שויס
און שלאָף, און שלאָף,
אויף מאָרגן האָף —
דיין וועג צום סוף
איז ווייט און גרויס...

## אַקאָרד

מסתמא, טייערע, דאַרף זיין אַזוי...
מסתמא, טייערע, דאַרף זיין אַזוי...
די ליבע היילינט זיך אין שטילן וויי,
די ליבע לייטערט זיך, ווערט קלאָר ווי שניי —
מסתמא, טייערע, דאַרף זיין אַזוי...

באַהאַלט, מיין טייערע, דיין שטילע טרער...
באַהאַלט, מיין טייערע, דיין שטילע טרער, —
זי איז אַ באַלזאַם פאַר אַ האַרץ אַ שווער,
זי איז די שענסטע פערל פונ׳ם טיפסטן מער.
באַהאַלט, מיין טייערע, דיין שטילע טרער...

# אינהאלט

| | זייטע |
|---|---|
| מיין היים | 9 |
| די בעריאָזקע | 12 |
| עמיץ האָט זיך פאַרבענקט | 14 |
| ליטע | 16 |
| פאַרנאַכט | 18 |
| אין אַ לבנה נאַכט | 19 |
| * * * | 21 |
| פרילינגס־טרויער | 23 |
| נאַכט־שטימונג | 25 |
| ווייסע נעכט | 27 |
| אין וואַלד | 29 |
| די סאַזשעלקע | 31 |
| פרילינג | 33 |
| האַרבסט־שטימונג | 35 |
| דער ערשטער שניי | 37 |
| פון אידישן געסל | 41 |
| יוגנט | 42 |
| תשעה באב | 43 |
| לעגענדע | 44 |
| אמר אביי | 47 |
| זכרונות | 49 |
| אַ רגע רו | 52 |
| אידיליע | 57 |
| חלומות | 60 |
| פאָרגעפיל | 61 |
| דערוואַרטונג | 62 |
| פאַרשוועכטע ליבע | 63 |

| | זייטע |
|---|---|
| דו ביזט אַוועק··· | 65 |
| איך ווייס··· | 66 |
| לעצטע גרוסן | 68 |
| אין וועג | 69 |
| אַ חלום | 71 |
| וואַנדערער טרוימען | 73 |
| האַרבסט זכרונות | 75 |
| הארבסט | 77 |
| פון שוואַרצע נעכט אַ טרויער־צוג | 79 |
| ווען דו וועסט אַוועקגיין | 81 |
| ווידמונג | 83 |
| דאָס בלוט פון קדושים··· | 85 |
| ווייסע פרילינגס־בליטן | 87 |
| אויף די שטילע וועגן | 88 |
| ממעמקים | 90 |
| אַ חופה ליד | 93 |
| די הייליגע בשורה | 95 |
| הייליגער טרויער | 97 |
| גלויבן | 98 |
| * * * | 103 |
| מיר וועלן פאַרבלייבן אין שול | 104 |
| געשטאָרבן דער לעצטער בעל־תפילה | 106 |
| וואו זאָל איך בעטן | 108 |
| אַ תפילה | 1 0 |
| פאַר אַ מאָנאַסטיר | 112 |
| צווישן די זאַנגען | 114 |
| שבת חזון | 117 |
| אַ צער פון טויזנט דורות··· | 119 |

| | זייטע |
|---|---|
| פאָרויס איז גאָרנישטאָ··· | 120 |
| פאַר דיינע אַלטע חרבות··· | 121 |
| לאָזט אונז וויינען··· | 122 |
| פאַרשוועכטער שווייגן | 124 |
| גלאַט אַזוי | 126 |
| משיח | 128 |
| מיין פאָלק | 130 |
| דאָס זיינען טייערע··· | 131 |
| עלילת דם | 135 |
| דריי רויטע ליליעס | 144 |
| די אַנטלאָפענע כלה | 148 |
| צו באַדעקענס | 153 |
| די קעניגין מרים | 155 |
| דאָס פוסטע וויגעלע | 158 |
| אַ וויג ליד | 163 |
| איינזאַמע | 165 |
| * * * | 167 |
| צוקונפט | 168 |
| און גרויס איז דער מדבר | 170 |
| עס ווערן געבאָרן חלומות··· | 171 |
| אין דער פרעמד | 173 |
| איינגעהילט אין מיין קלייד | 175 |
| איינזאַמקייט | 177 |
| ערינערונגען | 180 |
| פאַרגיב זיי יאָ פאַרגיב זיי ניט | 183 |
| איך בייט די וואוינונגען | 185 |
| בטחון | 187 |
| אַקאָרד | 189 |